№ 27 ... opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek d. 6 lipca 1934 · ליכט-צינדען 7.38 · פרייטאג פ' פנחס כ"ג תמוז תרצ"ד.

OWOCE
i zimą zachowują swą świeżość
PRZEZ DODANIE
Dra Oetkera
środka konserwującego

עס ווערט געזוכט
אַנ'אינטעליגענט לערן - יונגעל
אין גאַלאַנטעריע-געשעפט פון
פ. פראפּאַרט, אַלעע 8.

Dr. med. Jakób Zand
choroby wewnętrzne
Aleja Wolności 23, tel. 21-65
powrócił.

Dr. med. H. FALK
האלז - נאָז - און אויערן-
קראַנקהייטען
צוריקגעקומען
9—11 5—7
ul. Panny Marji 37
tel. 16-15.

די וועלט-בארימטסטע דאָקטוירים האָבן פעסטגע-שטעלט, אַז 75 % קראַנקהייטן אנטשטייען צוליב אבסטרוקציע.
א קראַנקער מאָגן איז די וויכטיקסטע סיבה פון אנטשטיין פון קראַנקהייטן, - פאַראומרייניקט דאָס בלוט און שאַפט א שלעכטע שטאָף-וועקסלונג.
ZIOŁA Z GÓR HARCU
D-ra LAUERA
זיי עס האָבן פעסטגעשטעלט די גרעסטע דאָק-טוירים, זענען אן אידעאַל מיטל פאר געזונט מאַכן דעם מאָגן, באַזייטיקן אבסטרוקציע. זענען א לייכט רייניקונג-מיטל. פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון די פאַרדייאונג-אָרגאַנען, פאַרשטאַרקן דעם אָרגאַניזם און וועקן דעם אַפּעטיט.
ZIOŁA Z GÓR HARCU D-ra LAUERA
באַזייטיקן די ליידן פון לעבער, נירן, גאַלשטיינער, העמאָרוידן-ליידן, רעוומאַטיזם, און אַרטעריעסקלעראָזיס.
די פרייז פון א שאַכטעל 1.50 זל.;
א דאָפּעלט-שאַכטעל 2.50 זל.
צו באַקומען אין אַפּטייקן און אַפּטייק-סקלאַדן.

POT i niemiłą jego woń
usuwa
SUDORYN
„AP. KOWALSKI" WARSZAWA
PROSZEK Z SITKIEM

Odciski
ZGRUBIAŁĄ SKÓRĘ I BRODAWKI
USUWA BEZ BÓLU I BEZPOWROTNIE
KLAWIOL
„AP. KOWALSKI" WARSZAWA

Z intencji zaręczyn koleżanki naszej SALI KLAJMANÓWNY z p. SALOMONEM HALBERGIEM życzymy wiele szczęścia i pomyślności.
Sala Langfusówna i Frania Szlamkowiczówna.

דאָס דריטע פערטעל פון די 100.000 זל.

דער קאַפּריז פון מזל געהט מיט מערקווירדיגע וועגען. ווען פיער חברים אָנגעשטעלטע אין דער געמיינדע-פערוואַלטונג דאראזשנע, קאַסטאָפּאָלער פּאָויאַס, די ה"ה פּאַול דראָבאָס, סערגיוש עפּיפּאַ-נאָוויטש, יאַן פּלאַסקאָווסקי און לוקאַש סאָלאָניענקאָ האָבן בעשלאָסען זיך צוזאַמענצולעגען, כּדי צו קויפען א פערטעל לאָס פון דער מלוכה-לאָטעריע האָבן פערשידענע סימנים אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד געוויזען, אַז זיי דאַרפען קויפען דעם נומער 137.071. זיי האָבן זיך געווענדעט צו דער קאָלעקטור, אז מען זאָל זיי שיקען דעם נומער. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז דער נומער איז שוין פערקויפט און די קאָלעקטור האָט זיי געשיקט א אנדערען נומער, וואָס איז אָבער עהנליך: די זעלבע אָנפאַנג ציפערען און איינע אין די זעלבע סומע פון די ציפערען, דהיינו 19. אויף אזא אופן זענען די אויבענדערמאָנטע געוואָרען שותפים צום נומער 137.215.

משמעות, אז די אלע „סימנים" אויף די ערד און אויפ'ן הימעל" זענען נישט געווען קיין גע-נויע, אויב עס האָט זיך בעוויזען, אז גראָד איז גליקליך געשעהן, וואָס עס האָט געפּעהלט דער געפאָדערטער נומער, ווייל דאָס האָט געגעבען די קאָלעגען-שותפים די מעגליכקייט צו בעקומען א טייל פון הויפּט-געווינס, וואָס איז געפאַלען אין דער 30 מלוכה-לאָטעריע. יעדער פון די אנטייל-נעמער וועט בעקומען 5.000 זל., וואָס עס איז פאַר זיי כמעט א מאַיאָנטעק. ערמוטיגט פון ערפאָלג האָבן זיי בעשלאָסען איצט צו האַלטען כּסדר בשותפות צוויי פערטלעך פון פערשידענע לאָסען, גלויבענדיג, אַז דאָס גליק וועט זיי ווידער צושפּי-לען און אַז אין איינער פון די ווייטערע קלאַסען וועלען זיי געווינען א בעדייטענדע סומע.

נאַטירליך איז דאָס גאַנץ מעגליך. געווינען קאָן יעדער, ווער עס שפּילט, מען דאַרף דעריבער זיך וואָס שנעלער בעזאָרגען א לאָס צו דער צווייטער קלאַס, ווייל די ציהונג הויבט זיך אָן שוין דעם 17 יולי.

צו דער ג. קונדשאַפט אין שטאָדט און אויף דער פּראָווינץ!
דערמיט מאַך איך בעקאַנט מיין געעהרטע קונדשאַפט, אַז פון 1 טען ליפּיעץ ד. י.
האָב איך איבערגעטראָגען
מיין לאַנגיעהריגע און גוט-בעקאַנטע
שניידער-ווערקשטעל
אונטער דער פירמע:
ש. גראַנעק
(פריהער אַלעע 10)
אין דער 2-טער אַלעע 20
(אין הויף, 1-ער איינגאַנג, רעכטס, 2-ער שטאָק),
וואו כ'נעם ווייטער אָן אַלערארט בעשטעלונגען פון אייגענע און אַנ-פערטרויטע סחורות, וועלכע איך פיהר אויס פּונקטליך און רעיעל צו דער גרעסטער צופרידענהייט פון דער קונדשאַפט.
מיט אכטונג ש. גראַנעק, אַלעע 20.

Koledze **Izaakowi Messerowi** oraz Rodzinie
z powodu zgonu Ich Matki i Żony
b. p. PERLI
składają wyrazy szczerego współczucia
Koleżanki i Koledzy Szkoły Powszechnej № 12.

Kolegom **Józefowi i Izaakowi Messer** oraz koleżance **Esterze Wajnsztokowej**
z powodu śmierci nieodżałowanej pamięci ich żony i matki
b. p. PERLI MESSER
składają wyrazy najserdeczniejszego współczucia
Koleżanki i Koledzy Szkoły Powszechnej № 13 w Częstochowie.

Koledze **Józefowi Messerowi** oraz koleżance **Esterze Wajnsztokowej** z powodu zgonu Ich Żony i Matki
b. p. PERLI MESSER
składają wyrazy szczerego współczucia
Koleżanki i Koledzy Szkoły Powszechnej № 15.

Drogiemu koledze **Izaakowi Messerowi** i Rodzinie
z powodu zgonu
b. p. MATKI Jego
składają wyrazy głębokiego współczucia
A. Broniatowski, L. Glatter, M. Glatter, S. Gostyński, D. Lewit, R. Lewit, J. Płockier, H. Szaja i M. Wnuk.

אהרן יוסטמן — **שרה מאירנץ**
ב"ר בנימין אליעזר נ"י — בת הר' בנימין וואָלף נ"י
ורשה-צ'נסטוכוב — וילאחן
מאורשים
בירח תמוז תרצ"ד.

הננו מושיטים את ברכותינו החמות ברכות מז"ט לחברנו אחד הלוחמים בעד רעיונינו הקדוש, מזכיר הסתדרותינו מר **אהרן יוסטמן** לאירושיו. יתן השם שדרכו בחיים סוגה בשושנים על פלגי מי תוה"ק והצלחה.
ועד והסתדרות של „פועלי אגודת ישראל", בצינסטחוב.

אחולים לבביים וברכות מאליפות לידידי **אהרן יוסטמן** בבאו בברית האירושין עם בחירת-לבו מרת **שרה מאירנץ** מווילון.
מנחם לובאַרט.

מפני **שאהרן** שמך שמדתך שלום, שלום יהי' שורר בקישורי אירושיך ברכת מזל-טוב חמה ונלבבה לך יקירי, מאת ידידך
שמואל זעלינגער.

אהרן יקירי!
קבל נא את ברכתי החמה לאירושיך את בחירת לבך מרת **שרה מאירנץ.**
יהי' עתידכם סוגה בשושנים.
יעקב ברנדס.

אהרן יקירנו!
קבל נא את ברכתנו החמה לארושיך את בחירת-לבך מרת **שרה מאירנץ.**
משה קימלמן, יצחק סמסונוביץ, י. מ. גולדרייך.

ברכת מזל-טוב לידידינו **אהרן יוסטמן**
לארושיו את בחירת-לבו מרת **שרה מאירנץ.**
יהא רעווא, שזווגכם יעלה יפה.
משפחת ברנדס.

בברכת מזל-טוב חמה ונלבבה לידידנו הנחמד והחביב מר **אהרן יוסטמן** לארושיו את בחירת-לבו מרת **שרה מאירנץ.** תזכה לעבוד הלאה לטובת רעיוננו מתוך הרהבה בארצנו הקדושה.
יהודא לייב ווקסלר, ישראל מארקוביץ, מרדכי גרשון ווילינגר, משה קאַפּלאַן.

ברכותינו הלבביות לידידנו היקר ומאד נעלה מר **אהרן יוסטמן**
לארושיו את בחירת-לבו מרת **שרה מאירנץ.**
יהי עתידכם מזהיר כשמש בצהרים.
משה דוד קולין, פ. זלצברג.

בברכת מז"ט חמה ונלבבות אנו מברכים את הברנו הנכבד מר **אהרן יוסטמן** מזכיר של פא"י — לארושיו.
לייביל איצקאָוויטש, הירשל צימבערקנאָפּ, יחזקאל רושעזאָק, שלמה לעווי.

וגם אני בין המברכים
החלוץ: אברהם יוסף שווינקעלשטיין.

ברכות מאליפות לחברי החביב מר **אהרן יוסטמן**
לארושיו את בחירת-לבו מרת **שרה מאירנץ.**
יהי רצון שזווגכם יעלה יפה.
ישעי' בראַנדס.

ידידנו אוהבינו מר **אהרן** נ"י **יוסטמן!**
קבל נא בזה ברכתנו ברכת מז"ט, הנובעת מעמקי דלבא לרגל בואך בברית האירושין עם בחירת לבך מרת **שרה מאירנץ.** תהי דרככם סוגה בשושנים.
מרדכי טענדלער, זלמן וועלטמאַן.

ידידנו היקר מר **אהרן יוסטמן!** קבל נא את ברכתי הנלבבה ברכת מזל-טוב לרגלי ארושיך את בחירת לבך מרת **שרה מאירנץ.**
יזכה לבנות בית נאמן לד' על הרי ציון וירושלים.
יוסף זשולטובּרוצקי ורעיתו, פייוויל ריפּשטיין ורעיתו.

סל מלא ברכות ובתוכם ברכת מזל-טוב חמה הננו מגישים לכבוד מר **אהרן יוסטמן** לארושיו את העלמה מרת **שרה מאירנץ.**
תהא דרכם צלחה.
אלי' מילשטיין, ובצלאל בעסער.

צו דער תנאים פון אונזער פריינד **אהרן יוסטמאַן** מיט פרל. **שרה מאיראַנץ** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
אליעזר דערעס און פרוי.

Kolegom naszym
p. p. **Józefowi i Izaakowi Messerom**
z powodu zgonu Ich Żony i Matki
b. p. PERLI
wyrażają głębokie współczucie
Dyrekcja i personel pedagogiczny
Szkoły Rzemiosł i Szkoły Dokształcającej

עס דערנענטערט זיך דער סוף

העכער אַ יאָהר צייט בּושעוועט אין דייטשלאַנד דער היטלעריזם, וועלכער איז דער בּייזער גייסט נישט בּלויז פון דער יודישער נאַציע, נאָר אויך פון דער גאַנצער וועלט.

זייט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, לעבט גאַנץ אייראָפּאַ אין שרעק, ווייסענדיג, אַז אויב אין אַזאַ גרויס לאַנד ווי דייטשלאַנד, הערשט אַזאַ הפקר מענש, קאָן מען זיך ריכטען יעדע רגע אויף אַנ'אויפבּרויז, וואס וועט בּרענגען אומגליק דער וועלט.

מיט פערבּיטערונג און צער האָט מען געלעזען די ידיעות, ווי אזוי די דייטשען זענען בּעגייסטערט פון „פיהרער" און געטראַכט האָבּען מיר: ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט דויערן זיין ממשלה, כאָטש טיעף אין אונזער אונטערבּעוואוסטזיין האָט געטליעט אַ געדאַנק, אַז ער מוז און וועט אַ סוף האָבּען. ווי אַזוי און ווען — האָט קיינער נישט געקאָנט בּעשטימען, אָבּער מיר האָבּען געגלויבּט און געוואָלט, אַז ער זאָל וואס אַ שנעלערן סוף האָבּען.

מיר זענען איבּערהויפּט אַנ'אונגעדולדיג פאָלק, אונזערע נערווען זענען לעצטענס אזוי צעשטרייט, אַז מיר האָבּען פערלוירען דעם אויסדויער און יעדען טאָג, ווען מיר האָבּען גענומען אין האַנד די צייטונג, האָבּען מיר געוואָלט לעזען די ידיעה, אז דער היטלעריזם האט א סוף איינגענומען.

ווי אַ בּאָמבּע האט דעריבּער געטראָפען אַלעמען די ידיעה וועגען דער „צווייטער רעוואָלוציע" אין דייטשלאַנד. פּלוצים האָט מען זיך דערוואוסט, אַז עס איז נישט אַלץ אין אָרדנונג אין דריטען רייך, אַז די דאָזיגע פּיפיגע חברה איז נאָר געלונגען אויף אַ קורצער צייט צו פערדעקען דעם שמוץ, אין וועלכען זיי בּאָדען זיך און בּיי דער ערשטער געלעגענהייט האט עס אויפגעריסען און זיך ענטפּלעקט אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט. די פאָרהאַנג האט זיך אויפגעדעקט און מען זעהט ווער עס זענען די יעניגע, וועלכע פיהרען אָן מיט דער 60-מיליאָניגער בּעפעלקערונג אין דייטשלאַנד. אַ חברה אויסוואורפען, וועלכע האבּען זיך צוקריגט איבּער דעם רויבּ, האָבּען, נישט קאָנענדיג זיך צוטיילען, זיך צוקריגט, צושאָסען און צוהרג'עט.

דערווייל איז נאָך היטלער מיט זיינע רויבּ-פויגעל די זיעגער. דערווייל איז זיי געלונגען צו דערשיסען די יעניגע פון זייער אייגענער בּאַנדע, וועלכע האבּען איהם געוואָלט אָבּרוקען און אליין פערכאַפּען די מאַכט, אָבּער בּיי דעם בּלייבּט עס נאָכנישט. דער עיקר איז, אַז דער עיפּוש האט זיך אויפגערודערט און דאס וועט אַזוי לאַנג קאָכען, בּיז זיי אַלע וועלען דערטרינקען ווערען אין זייער אייגען בּלוט.

די היטלער ממשלה מוז און וועט אין קורצען עוקר מן השורש ווערען. וועגען דעם איז קיין צווייפעל גישט, ווייל דער שקר און רציחה קאָנען קיין קיום נישט האָבּען. עס ווענדעט זיך נאָר אין צייט און די דאָזיגע צייט איז זעהר נאָהענט, נאָך נעהנטער ווי אונז דאכט זיך אויס.

אַ בּאַנדע רויבּער - יונגען האָבּען פערכאַפּט דאס דייטשע רייך; מיט יודיש בּלוט האָבּען זיי געוואָלט זייער ממשלה פערפעסטיגען. אַ קורצע צייט איז עס זיי געלונגען — ונקיתי דמים לא נקיתי, אָבּער שוין הערען זיך די טריט פון זייער מפּלה, עס דערנעהנטערט זיך זייער סוף.

ש.

עס דראָהט אַ סכנה דער יודישער מלאכה.

„עס דראָהט אַ סכנה דער יודישער מלאכה", — „פערהיט פון אונטערגאַנג צעהנדליגער טויזענדער יודישע האַנדווערקער-ווערקשטאַטען", — אָט דער דאָזיגער אַלאַרם-רוף האָט זיך אין די לעצטע טעג דורכגעטראָגען דורך דער יודישער פּרעסע.

אין וואָס בּעשטעהט די סכנה? פאַרוואָס ווערט אַלאַרמירט די יודישע עפענטליכקייט, וועלכע ווערט גערופען צו וואכזאַמקייט, צו אַקטיוויטעט און צו מיטהילף פון דער אונטערגענומענער אַקציע לטובת דער בּעדראָהטער יודישער מלאכה?

ווי בּעוואוסט איז אין 1927 יאהר ערשינען דאָס אינדוסטריע - געזעץ, לויט וועלכען עס איז בּכלל געוואָרען בּעשווערט דער צוטריט צו האַנדווערקריי, צו מלאכה. דאָס פיהרען אַ זעלבּסטשטענדיגען ווערקשטאַט איז געוואָרען בּעגרעניצט און עס האָט שוין פון דאַן אָן נישט געקענט יעדער איינציגער, וואָס האט נאָר געוואָלט, זיך אָוועקזעצען בּיי „שער און אייזען" און ווערען אַ זעלבּסטשטענדיגער בּעל-מלאכה. לויט דעם דאזיגען געזעץ האָט מען זיך געמוזט רעגיסטרירען און אַרויסבּעקומען אַ האַנדווערקער-קאַרטע און ערשט אויפ'ן סמך פון אָט דער קאַרטע האָט מען געקענט פיהרען לעגאַל אַ ווערקשטאַט. אָבּער דאָס געזעץ האָט פאָראויסגעזעהן אַנ'איבּערגאַנגס-צייט פון 5 יאָהר און אין משך פון אָט דער צייט האט יעדער האַנדווערקער, וואס האט געפיהרט זעלבּסטשטענדיג אַ ווערקשטאַט אָדער האט געאַרבּייט די לעצטע 5 יאָהר כּסדר בּיי אַ זעלבּסטשטענדיגען האַנדווערקער, זיך געקענט לייכט רעגיסטרירען, בּעקומען אַ האַנדווערקער-קאַרטע און ווייטער אַרבּייטען זעלבּסטשטענדיג. ליידער האָט אַ ריזיגע צאָהל פון די יודישע בּעלי-מלאכות פערנאַכלעסיגט אָט די פליכט לגבּי זיך אַליין, לגבּי דער אייגענער צוקונפט און נישט אויסגענוצט די צייט אויף צו לעגאַליזירען זיך. קיין פולשטענדיגע גענויע ציפערען וועגען דער צאָהל נישט - רעגיסטרירטע, אַלזאָ — אומלעגאַלע, יודישע האַנדווערקער-ווערקשטאַטען, זענען נאָך נישטאָ, אָבּער מען קען מיט זיכערקייט זאָגען, אַז די צאָהל פון 50 טויזענד אומלעגאַלע יודישע בּעלי-מלאכות איז נישט איבּערגעטריבּען לויט די בּיז-יעצטיגע ידיעות, וועלכע זענען פערהאַן פון די פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך. געגען די דאָזיגע אומלעגאַלע בּעלי-מלאכות ווערען שוין אָנגעווענדעט שטאַרקע רעפּרעסיעס. אַזוי, למשל, זענען אין לובּלין, לויט אַנ'אָפיציעלען בּעריכט בּלויז פאַר איין יאָהר אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף די נישט-רעגיסטרירטע האַנדווערקער 3.544 שטראָפען און 662 ווערקשטאַטען זענען איינגאַנצען פערמאַכט געוואָרען. די לאָדזער האַנדווערקער-קאַמער גיט-אָן פאַר איין יאָהר אַ צאָהל פון 2.730 פּראָטאָקאָלען געגען אומלעגאַלע ווערקשטאַטען און עס ווערט אומעטום, אין אַלע שטעדט, אָנגעזאָגט א ווייטערדיגער פערשאַרפטער קאַמף, געגען די, וואס וועלען ווייטער פיהרען זעלבּסטשטענדיגע ווערקשטאַטען אָהן דער געהעריגער ערלויבּניש. עס וועט זיך, אַלזאָ, שאַפען אַזאַ לאַגע, אַז נישט-רעגיסטרירטע בּעלי-מלאכות וועלען מוזען אַרבּייטען אין געהיים. אין די קעלערס, אויף די בּוידעמס, ווערענדיג פערפאָלגט און זייענדיג כּסדר אויסגעשטעלט אויף גרויסע שטראָפען, אויף פערלירען דעם בּיסען בּרויט.

די סכנה, וואָס דראָהט דעם עלטערן דור פון יודישע בּעלי-מלאכות, איז אויך דירעקט פערבּינדען מיט אַ געפאהר פאר דער גאַנצער צוקונפט פון דער יודישער מלאכה בּכלל. מיר שטעהען פאַר דער טרויעריגער מעגליכקייט, אַז יודען אין פוילען זאָלען איבּערהויפּט פערלירען דעם צופלוס פון נייע יודישע בּעלי-מלאכות, אַז עס זאָל איבּערהויפּט פערמאַכט ווערען דעם יונגען יודישען דור דער וועג צו מלאכה. צוליעבּ פערשידענע סיבּות גענייסט נישט די יודישע אַרבּייטער-יוגענד פון די עגזיסטירענדע פאַך-שולען. די קליינע צאָהל יוד-שע פאַך-שולען נעמט אַרום 2 פּראָצ. פון די יונגע-לייט אין פאַך-שול-עלטער. דער איינציגער וועג צו מלאכה פאַר אַ יודיש יונגעל בּלייבּט, אַלזאָ, דער וועג פון בּילדען זיך בּיי אַ מייסטער. אָבּער לויט דעם אויבּענדערמאַנטען געזעץ קענען האַלטען לערן-יונגלעך בּלויז אַזעלכע האַנדווערקער, וואָס האָבּען זיך רעגיסטרירט, אָבּגעגעבּען אַנ'עקזאַמען און בּעקומען אַ דיפּלאָם אַלס מייסטער. ליידער האָבּען מיר אָבּער אַזעלכע בּערעכטיגטע מייסטערס אין אַ נישטיגע צאָהל. אַזוי, למשל, האָבּען אין וואַרשאַ, אין יאהר 1932, פון 9.386 רעגיסטרירטע יודישע בּעלי-מלאכות בּלויז 7 פּראָצ. געהאט דעם טיטול מייסטער און געווען בּערעכטיגט צו האַלטען לערן-יונגלעך. חוץ דעם זענען נאָך פערהאַן גרויסע שוועריגקייטען פאר די, וואס ווילען זיך לערנען מלאכה (דער חוב פון דורכמאכען דערגענצונגס-שולען, אָבּשליסען, רעגיסטרירען, קאָנטראַקטען מיט די מייסטער א. ד. גל.), נישט בּעסער זעהט אויס די לאַגע אויף דער פּראָווינץ. ס'איז קלאָר, אַלזאַ, אַז אויבּ עס וועט ווייטער אָנהאַלטען אַזאַ צושטאַנד, וועט דער גאַנצער יונגער דור פערלירען יעדען לעגאַלען צוטריט צו פּראָדוקטיווער אַרבּייט, צו מלאכה. דאס וועט זיך פאַטאַל אָבּרופען נישט נאָר אויף דעם יודישען האַנדווערקער-שטאַנד נאָר אויף דעם גאַנצען יודישען כּלל.

די געפאהר איז, אַלזאָ, גרויס אויך פאַר דער יודישער האַנדווערקער-יוגענד און עס וועלען אויך מוזען אונטערגענומען ווערען שריט אויך די דאָזיגע סכנה צו בּעזייטיגען, אין דעם איצטיגען מאָמענט אָבּער, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קורצען טערמין (1-טער יאַנואַר 1935), וואס ווערט פאָראויסגעזעהן אויף צו לעגאַליזירען די האַנדווערקער-ווערקשטאַטען מוז מען קודם-כּל ראַטעווען די צעהנדליגער טויזענדער יודישע אומלעגאַלע בּעלי-מלאכות, פערהיטען זיי פון אונטערגאַנג.

ווי אַזוי?

אַ מעגליכקייט דערצו איז נאָך פערהאַן. דעם 15 מאַי ה. י. איז צום דערמאָנטען געזעץ פון 1927 י. ערשינען אַ נאָוועלע, לויט וועלכער נאָך שפּעטסטענס בּיז דעם 1 יאַנואַר 1935 י. קאָן מען זיך לעגאַליזירען, ד. ה. אַרויסבּעקומען האַנדווערקער-קאַרטען און פיהרען ווייטער אַ זעלבּסטשטענדיגע אַרבּייט. אָט די דאָזיגע מעגליכקייט, אָט דער קורצער טערמין מוז אויסגענוצט ווערען אין דער גאַנצער בּרייט, טאָר נישט דורכגעלאָזט ווערען, אויבּ מען וויל נישט דערלאָזען צו אַ רואין פון צעהנדליגער טויזענדער פּראָדוקטיווע יודישע עקזיסטענצען. כּדי מיטצוהעלפען לעגאַליזירען די רעכטלאָזע יודישע בּעלי-מלאכות האָט דער פעראייניגטער קאָמיטעט פאַר די ענינים פון דער יודישער מלאכה, אין וועלכען עס געהען אַריין פאָרשטעהער פון די אָרגאַניזאַציעס: „דזשאָינט", „יקא", „אָרט", פערבּאַנד פון די יודישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, „צעקאָבּע", צענטראַלער יודישער האַנדווערקער-פערבּאַנד, אונטערגענומען אַ גרויסע אַקציע, אין וועלכער עס דאַרפען אַריינגעצויגען ווערען די אַלע קרייזען פון דער יודישער געזעלשאַפט, וועמען עס איז טייער די צוקונפט פון דער יודישער פּראָדוקטיווער אַרבּייט אין פוילען. דער קאָמיטעט וועט אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך, וואו עס קאָנצענטרירען זיך יודישע בּעלי-מלאכות, שאַפען אָרטיגע קאָמיטעטען, וועלכע וועלען אויף די ערטער אָנפיהרען מיט דער לעגאַליזירונגס-אַקציע. עס וועלען געגעבּען ווערען אַלע נויטיגע אָנווייזונגען און יורידישע עצות בּיים דורכפיהרען די פאָרמאַליטעטען. עס ווערט אויך אָרגאַניזירט אין וואַרשאַ אַ ספּעציעלע סעריע פאָרטראַגען פאַר אַ גרופּע פעראַנטוואָרטליכע טוּוער פון דער פּראָווינץ, וועלכע וועלען ווי געהעריג אינסטרואירט ווערען, כּדי זיי זאָלען בּיי זיך אויף די ערטער העלפען דורכפיהרען די לעגאַליזירונגס-אַקציע פון די יודישע בּעלי-מלאכות.

די געזעלשאַפטליכע פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונגס-אַרבּייט אַרום אָט דער גרויסער אַקציע האט גענומען אויף זיך דער יודישער ווירטשאַפטליכער קאָמיטעט אין פוילען.

עס איז קלאָר, אַז די יודישע געזעלשאַפט וועט זיך אָבּגעבּען אַ חשבּון פון דער וויכטיגקייט פון דער אונטערגענומענער אַרבּייט. די געפאַהר פאר אַ ריזיגער צאָהל יודישע פּראָדוקטיווע מענשען צו פערלירען זייער עקזיסטענץ - מעגליכקייט, זייער בּרויט, איז גרויס און נאָר אַ גרויסצוגיגע געזעלשאַפטליכע אָנשטרענגונג קען פון אָט דער געפאַהר פערהיטען. עס וועט זיין בּאמת אַ היסטאָרישע עולה פונ'ם פוילישען יודענטום, ווען אַ גאַנצער דור פון יודישע אַרבּייטס-מענשען, ווען אַזאַ וויכטיגע פּאָזיציע אין אונזער לעבּען ווי עס איז די יודישע מלאכה, וועט נישט אָבּגעראַטעוועט ווערען פון פערניכטונג.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער
פאַמיליע מעססער ווי אויך **פאַמיליע ווייבּשטאַק**
צוליעבּ'ן טויט פון זייער ליעבּע פרוי און מוטער
נ"ע פּעריל מעססער
ה. היפּשער און פרוי.

דער **פאַמיליע מעססער** צוליעבּ'ן טויט פון זייער ליעבּע פרוי און מוטער
נ"ע פּעריל
דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
ירחמיאל קיעלצעגלאָווסקי און פאַמיליע,
מאָניעק שטשעקאַץ און פאַמיליע.



אין אַנ'אָרימען הויף.

(א בּילד).

פון אהרן בּרעזינסקי.

דער שמוציגער, אָרימער הויף מיט זיינע פאַר אַלטע, רויטע, צוקרישעלטע מויערלעך און פאַרלאַטעטער הילצערנער הויז איז פערזינקען אין טרויער; היינט וואַרפט אַרויס דער בּעל-הבּית דעם הינקענדיגען שוסטער פון בּוידעמשטיבּעל פאַר נישט צאָהלען אַ לאַנגע צייט קיין דירה-געלד און אַ ליאַדע רגע דאַרף מען דאָ קומען פון געריכט „טהון זיין רעכט".

אין דרויסען איז זומער, זיצען די שכנים, צובּראַשטשעטע ווייבּער און מאַנסבּילען, אויף די צופוילטע געהילץ פון הויז און בּעדויערען איהם, נעבּיך, דעם שוסטער, זיפצען שטיל אויף זיין מזל און וואַרפען אַלע ווייליע אַ בּייז אויגעל אויבּען, צום פערזשאַווערטען בּאַלקאָן, וואו דער אַלטיטשקער בּעל-הבּית, אין אַנ'אויסגעריבּענעם אַלפּאַגענעם כאַלאַטל זיצט אויף אַ טאַבּורעטקע און קוקט כּלומר'שט אַריין אין אַ ספר. אין זיינע רויט געליאַכצעוועטע אויגען ליגט אָבּער די טענה, די אייבּיגע טענה צו די שכנים:

— וואס ווילט איהר פון מיר? אַז דער סקאַרבּ מאַכט מיר אַ טויט מיט די שטייערען... פון וואַנען וועל איך דאס נעמען, אַז מען וועט מיר נישט צאָהלען קיין דירה-געלד? נו, אדרבּא, זאָגט אַליין!...

— נו, נו, מען קען אייך, פעטער מען קען אייך! — פערמעסט זיך אויף איהם מיט אַ נאַקעטער, פערמורזעטער האַנד עפּיס אַ הויכע צושויבּערטע יודענע, אויסגעשמירט אינגאַנצען אין פעדערן. דאס איז פייגיל די היהנערקע, די „גביר'טע" פון הויף, וועלכע צאָהלט פּונקטליך איהרע 10 זלאָטעס אַ חודש דירה-געלד (זי קריגט געלד פון אַמעריקאַ) און דעריבּער האט זי פאַר'ן בּעל-הבּית קנאַפּ וואָס מורא.

נאָר אָט הויבּט אָן פלוצלונג דאס בּערגעל געהילץ זיך צו רודערען: מען געהט שוין! מען געהט שוין! אַלעמענס בּליקען ווענדען זיך דורשטיג צום הינטערשטען טהירעל, וואו עס שטויסען זיך בּאָרוויסע קינדער, לויפען פאָראויס, פאָכען מיט די הענטלעך און מאַכען פאַר עמיצען אַ וואַרע. אָבּער עס איז נישט דאס; עס בּעווייזט זיך גאָר דער אָבּגעריסענער תנחום, אַ האַלבּ-צודרעהטער בּחור, וואס געהט אום איבּער די הויפען, זינגט חזנישע שטיקלעך, טאַנצט און בּעזעצט אַ כּלה. נאָך איהם שלעפּט זיך נאָך, ווי שעהמעוודיג, זיין געלפערוואַקסענער שותף, אין קורצע, אויסגעשמירטע הויזלעך און אונטער'ן אָרעם אַ קליין פידעלע, פּונקט ווי עפּיס אַ שפּילעכל פאַר קינדער.

דער עולם איז מיט תנחומ'ען יאָ צופרידען און נישט צופרידען; פאַר די הויף-בּעוואוינער, די לאַטוטניקעס, מיט די שמאַטניצעס, איז תנחום אפשר די איינציגע פערוויילונג אין לעבּען, אָבּער ווי האָט מען דאס אַ האַרץ אין אַזאַ צייט צו זיצען און זיך לאָזען וואוילגעהן, לאַכען אויפ'ן קול? און נאָך פאַר דעם בּעל-הבּית אין די אויגען! אַז נישט דערלעבּען וועט ער עס!...

תנחום פיהלט, הפּנים, אַז דאָ איז עפּיס נישט גלאַטיג, שטעהט ער דערווייל אַרומגערינגעלט מיט דער מחנה קליינוואַרג, צופּט אַ בּולקע פון קעשענע און הויבּט, ווי זיין שטייגער איז, די צוקראָכענע דענקע פון היטעל אַרויף און אַראָבּ...

בּיי די קינדער פינקלען אַזש די אויגעלעך פון דערוואַרטונג.

— נו, זינג שוין! תנחום! — רייסען זיי איהם בּיי די פאָלעס — הייס שפּילען אויפ'ן פידעלע!

זיי בּעגעגענען זיך אָבּער מיט די בּייזע, אָנגעכמורעטע בּליקען פון די טאַטעס: מ'טאָר נישט, ממזרים! מאַמעס זיפצען אונטער מיט אַ תחינה-ניגון: וואַרט, וואַרט, מיר'ן נאָך אויך ליגען אויפ'ן גאַס, פּונקט ווי דער קראַנקער, הינקענדיגער שוסטער...

נאָר אָט פאַלט פייגיל די היהנערקע אויף אַנ'עצה:

— זאָל ער גאָר מאַכען, תנחום, אַנ-„אל מלא רחמים" דעם בּעל-הבּית, דאס מעג מען דאָך!

זי שושקעט דאס אַריין תנחומ'ען אין אויער און בּיים הויף-זינגער צופינטלען זיך אַזש די אויגען פון גרויס פרייד — דאס איז דאָך דער בּעליעבּטסטער „נומער" זיינער!... ער שטעלט זיך אַוועק פּונקט אַקעגען דעם פערזשאַווערטען בּאַלקאָנדל, הויבּט אָן אויסצוציקלען אַ „מלא" מיט פּרומע, פערמאַכטע אויגען און ווען ער גיט אַ זאָג מיט אַ וויינענדיג קול: „את נשמת ר' שמעריל הבּעל-הבּית מכאנאַיקעס", הילכט דער גאַנצער הויף מיט אַ היסטעריש נקמה'דיג געלעכטער... אפילו דאס בּערגעל צופוילטע געהילץ צוסקריפּעט זיך, לאַכט, דוכט זיך, מיט אַלעמען...

דער אַלטיטשקער בּעל-הבּית טהוט זיך פּלוצים אַ כאַפּ, ווי פון אַ וויסטען חלום און דער ספר פאַלט איהם פון האַנד אַרויס.

— שקצים, אַראָבּ פון מיין הויף — ציטערט ער מיט'ן גאַנצען גופ'ל — אַראָבּ, זאָג איך אייך — טופּעט ער מיט די פיס און צוהיסט זיך — אַראָבּ, אַ-ר-אָ-בּ!...

אָבּער תנחום הערט איהם, ווי דעם קאָטער. בּיז וואַנען דער אַלטער וועט אַראָבּגעהן פון די טרעפּ, ווייס ער, קען ער צעהן מאָל ענטלויפען... ציקעלט ער זיך ווייטער מיט פערמאַכטע אויגען און זיין געל-בּעוואַקסענער שותף שפּיעלט אומעטיג צו אויף זיין קליין, קינדעריש פידעלע —

„את נשמת ר' שמעריל, הבּעל-הבּית מכאנאַיקעס!"...

ב. ווײנבערג.

ערציהונגס־פעהלערן בײ קינדער

א.

ירושה אײגענשאַפטען.

„שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך" (דברים ל"ב ז.)

די ענטשטעהונג פון איטליכען אָרגאַנישען קערפּער, זײן געבורט, זײן לעבען איז אַן אײביגער געהײמניספולער וועלט־וואונדער. טראַצדעם, וואס מיר זעהען די דאָזיגע ערשײנונג ווידערהאָלען זיך פאַר אונזערע אויגען, ווי ס'איז תמיד חוזר חלילה, ווערט אבער צוליעב דעם דער דאָזיגער וואונדער נישט פערמינערט, גישט קלענער.

די מוטער, וועלכע געפינט זיך תמיד בײ איהר קינד, וואַכט בײ איהם, בעת עס שלאָפט, היט עס, בעת עס עסט, לאָזט פון איהם קײן אויג נישט אַראָב, בעת עס שלאָפט — בעוואונדערט דען נישט מיט פולער ענטציקונג איהר אײגען קינד? דאס גליק־געפיהל, וואס דערוועקט זיך בײ איהר דעמאלס און נעהמט־אַרום איהר גאַנץ וועזען, ווײסענדיג, אַז דאס איז איהר אײגען פלײש און בלוט, אַ טײל פון איהר „איך" — דאס איז נישט צו איבערשרײבען און איבערצוגעבען אין ווערטער. זי מאָלט אין איהר פאַנטאַזיע איהר קינד אין דער צוקונפט, ווי איהר אײגענאַבבילדונג, ווי זי וואָלט געזעהען איהר אײגענע צורה אין שפּיגעל. און דעמאלס, ווילענדיג נישט ווילענדיג, זאָגען: „איך בין דו" אָדער: „דו ביזט איך". אָבער נישט נור איהר בילד בלויז דערבליקט די מוטער אין איהר קינד, נור אויך עטוואָס עהנליכעס צו איהר מאַנ'ס בילד; און נישט נאָר בלויז די קערפּערליכע עהנליכקײט געפינט זיך בײ איהר קינד, נור אויך די גײסטיגע אײגענשאַפטען פון זײנע עלטערן שפּיגלען זיך אין איהם אָב.

די עלטערן גופא בעזיצען ווידער די קערפּערליכע און פסיכישע אײגענשאַפטען פון זײערע עלטערן, אָדער זאָגאַר פון זײערע אור־עלטערן.

אַקעגען וואס זאָג איך דאס אויבענדערמאנטע און וואס בין איך דערמיט אויסען?

מײן עיקר כונה איז אַנצוווײזען, אַז מען טאָר נישט גרינגשעצען די ירושה־אײגענשאַפטען, וועלכע עס גיט איבער אײן דור דעם צווײטען. נאָר אונזער חיוב איז זײ צו ליעבען, פלעגען און נישט פערקריפּלען.

וואס פאַר אַ מיטלען אַבצוהיטען די גײסטיגע און פיזישע אײגענשאַפטען פון אונזערע פאָרגענגער, פון די פוריגע דורות האבען מיר אין אונזער רשות?

ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער אײנציגער מיטעל איז נור, אַ געזונדע, זאָרגפעלטיגע ערציהונג, פרעמדע אײנפלוסען פערדארבען די אײגענאַרטיגקײט און די אָריגינאַליטעט פון פאָלק, ענדערן סײ די פאָרם און סײ דעם מהות פון שטאַם, אַזוי, אַז זײ רײסען אינגאַנצען איבער דעם שלשלת היוחסין.

די הײנטיגע נײע פּעדאַגאָגיק האט שוין אין דעם זין ריזיגע פאָרטשריט געמאכט אין די אַלגעמײנע לעהרע, וועגען קינדער־ערציהונג. בײ יודישע קינדער דאַרף אָבער ספּעציעל אַנ'אַנדערע טאַקטיק און אַנדערע מעטאָדען בענוצט ווערען. עס מוז קלוג און לאָגיש אויפגעקלערט ווערען: אַז יודישע קינדער דאַרפען לחלוטין אַ גאַנץ אַנדערן ספּעציפישען ערציהונגס־סיסטעם — אויב נישט בוכשטעבליך יעדעס קינד, איז כאָטש יעדער טיפּ, יעדער מין, יעדע גרופּע מיט אײן און דיזעלבע גײסטיגע אײגענשאַפטען און שטריכען.

ווען די הײנטיגע יודישע עלטערן וואָלטען מיט אַ טיעפען בליק אַדורכשטודירט די יודישע היסטאָריע און בעטראַכט ווי געהעריג, מיט וויפיעל מיה און אָנשטרענגונג, מיט וואס פאַר אַ מסירות־נפש די פוריגע דורות האָבען אָבגעהיטען דאס יודישע קינד פון שעדליכע, פרעמדע השפעות — וואָלטען זײ זיכער דעם חינוך הבנים והבנות אַנדערש אָוועקגעשטעלט, ווי ער שטעהט בײ אונז אין דער יעצטיגער צײט.

אונזערע אור־עלטערן, האבען וועגען גאָרנישט געזאָרגט, נאָר אַז די ירושה־אײגענשאַפטען פון זײערע עלטערן זאָלען איבערגעגעבען ווערען דעם קומענדען דור אין דעם זעלבען ציטערדיגען גלאַנץ פון אַמאָל, וואס עס איז דער אונשולדיגער פּראָדוקט פון יודיש לעבען דורות לאַנג צווישען וועלף.

דאס יודישע ערציהונגס־סיסטעם איז געוועזען בײ אונזערע זײדעס דער מאַקסימום פון זײער גײסטיגער אָנשטרענגונג און אויפאָפּפערונג אין אַלע צײטען, דער צערטליכער ירושה־געפיהל בײ זײ איז געווען, די קוואַל פון בעגײסטערונג פון פוריגע דורות, אויף וועלכען קומענדיגע דורות וועלען קוקען מיט שטוינונג און עהרפורכט.

וואס פאַר אַ קראַפט האבען יאָהרהונדערטער. אַלע פריהמאָרגען בעגינען, כאור, אויפגעהויבען אַלע פערשלאָפענע און שוואַכע יודישע קינדערלעך, אין פערשידענע מדינות, בײ פערשידענע לעבענס־אָרטען און זײ אַוועקגעפיהרט אין דעם אָרימען צימעל אַרײן, אַפּט ענגען, קאַלטען און שמוציגען, און געלערנט האט מען דאָרט די יודישע ירושה־אוצרות, פון: „הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב". אַ תורה, וואס איז קנאַפּ וואס געשאַצט געוואָרען אויף דער דאָזיגער ערד, כאָטש געטליעט האט אין די בײנער אַ פײער, אַז טײערער איז זי פון גינגאָלד? — וואו האבען אונזערע עלטערן גענומען מוט און קראַפט דורכצוטראָגען אָט די דאָזיגע אײנציגע ירושה, דאס דורות־לאַנגע ברענענדיגע ליכט דורך בײזע בלאָנדזשענדיגע ווינטען? — דאס זענען פראַגען פאַר פּסיכאָלאָגען, דאס זענען אויך רעטעניש; אפילו פאַר די, וועלכע גלויבען נאָך אין דעם, אַז אַ מענש איז פעהיג צו רײנע טהאַטען אָהן אײגענוץ.

אָט דאס איז דער כח פון ירושה, וועלכע איז זאָרגפעלטיג אָבגעהיטען געוואָרען דורך אונזערע עלטערן, וועלכע האבען געוואוסט, אַז ירושה איז נישט נאָר דאס אויסערליכע פערמעגען, וואס זײ האבען ערוואָרבען, נור אויך די גײסטיגע אוצרות, וואס זײ האבען געזאַמעלט אין משך פון זײער לעבען, ווי אויך וואס זײ האבען איבערנומען בירושה פון זײערע עלטערן, אָט דאס אַלץ מוז איבערגעגעבען ווערען דעם קינד, וועלכעס דאַרף זיך האַלטען פעסט אין די עלטערנס טראַדיציעס במשך פון זײער גאַנצען לעבענס־וועג.

דאס ירושה־געזעץ ווײזט אַרויס זײן פעולה קערפּערליך און גײסטיג, וואס שײך קערפּערליך איז שוין כמעט יעדער מענש גענוג איבערצײגט אין דער פעסטקײט און שטאַרקײט פון דאָזיגען געזעץ.

איך וועל אָבער אין צווײטען אַרטיקעל רעדען נאָר וועגען דער גײסטיגער ירושה. ווי ווײט שטאַרק און פעסט זי ווירקט אויף דעם קומענדען דור.

דער פּאַלעסטינער אַראַבער און זײנע פרײנד.

די אמת'ע אורזאַך פון זײער „פרײנדשאַפט".

פון דר. אַ גינזבורג.

ס'איז גוט צו זײן אַ פּאַלעסטינער אַראַבער. ער האט אַ וועלט מיט אײבערגעגעבענע פרײנד, וואס האַלטען שטענדיג אין אײן זאָרגען זיך פאַר איהם.

ס'זאָרגען זיך פאַר דעם פּאַלעסטינער אַראַבער אי די לינקסטע פון די לינקע, אי די רעכטסטע פון די רעכטע. פון אײן זײט זאָרגען זיך פאַר איהם די באָלשעוויסטישע קאָמוניסטען בכלל, און די יודישע באָלשעוויסטישע קאָמוניסטען בפרט. פון דער אַנדערער זײט ווידער זאָרגען זיך פאַר איהם דער „מופטי" און די „עפענדיס" — סײ די אַראַבישע און סײ די יודישע עפענדיס. לינקס און רעכטס פעראײניגען זיך. הימעל און ערד בעהעפטען זיך.

* * *

אַראַבער זענען פעראַן אַ רעכט ביסעל אויף דער וועלט. צווישען 40 און 50 מיליאָן, אויב נישט מעהר. צעהנדליגער מיליאָנען פון זײ געפינען זיך אין זײער אײגענעם פאָטערלאַנד, — אין אַראַביען. מיליאָנען פון זײ געפונען זיך אין איראַק און אין סיריען. הונדערטער טויזענדער פון זײ געפינען זיך אין „עבר הירדן" (טראַנסיאָרדאַניע), עגיפּטען און אַוואו־ניט.

זײ זענען אַלע, כמעט אַלע חוץ די גרויסע גוט־בעזיצער, די אַזוי־גערופענע „שעיקס" און „עפענדיס", — זענען זײ אַלע אויף געבראָטענע צרות. זײ לעבען אין אָרימקײט און אין דחקות. זײ קומען אָב מיט אַ פערדאַרט שטיקעל ברויט און מיט נישט־רײן וואַסער ווען נישט ווען, אין דער צײט פון עפּיס אַ יום־טוב, פערגינען זײ זיך דעם לוקסוס צו טרינקען אַ גלאָז ציגען אָדער קעמעל־מילך. אַ שטיקעל ציגענע קעז איז פאַר זײ אַ נאַשערײ. זײער לאַנד, זײערע געצעלטען, זײער לײב און לעבען, איז דאס אײגענטום פון די שײכען און עפענדיס, וועמעס לײבקנעכט זײ זענען.

איז וועגען זײ, וועגען די דאָזיגע צעהנדלינגער מיליאָנען אומגליקליכע, זאָרגט זיך קײנער נישט — נישט די לינקע קאָמוניסטען און נישט די רעכטע מופטיס. מיר איז נישט בעקאַנט, אַז עס זאָל זיך אין אַראַביען אָדער אפילו אין איראַק געפינען אַ קאָמוניסטישע בעוועגונג. אַהין רוקען זיך נישט די קאָמוניסטען... מיר איז אויך נישט בעקאַנט, אַז די דאָרטיגע עפענדיס און שײכען זאָלען שטורמען אַ וועלט געגען די לאַנד־פערקאָפערס. זײער קריוודע, די קריוודע פון די דאָזיגע פיעל מיליאָנען, נעמט זיך קײנער נישט אָן. אַלע אָבער, רעכטס און לינקס, רויט און שוואַרץ, זאָרגען זיך וועגען דעם קנאַפּען מיליאָן אַראַבער, וואס לעבט אין פּאַלעסטינאַ.

וואָלט מען דאָך געקאָנט רעכענען אַז דעם פּאַלעסטינער אַראַבער לעבט זיך ערגער, ווי דעם אַראַבער פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער. לאָזט זיך אויס, אַז די מעשה איז פונקט פערקעהרט. אין פערגלײך מיט די אַראַבער פון די איבריגע אַראַבישע לענדער, איז דער פּאַלעסטינער אַראַבער אַ גאַנצער פּריץ. מען בעהאַנדעלט איהם בעסער אַלס מענש און ער קריגט בעסער בעצאַהלט פאַר זײן אַרבײט. ער פערגינט זיך צו עסען ווי אַ מענש און ער האט זיך שוין אויסגעלערנט אַפילו צו טראָגען פלודערען, וואס דאס איז אין די אַראַבישע לענדער אַ זעלטענהײט... זײנע קינדער שיקט ער אין שולע און ער האט זיך שוין אַפילו אויסגעלערנט, ווי זײ צו פערהיטען פון די אויגען־קראַנקהײטען, וועלכע זענען אַזוי שטאַרק פערשפּרײט געוועזען אין פּאַלעסטינאַ. צו מאַכען עס בקיצור, דער פּאַלעסטינער אַראַבער איז נישט בלויז עקאָנאָמיש מעהר פערזיכערט, ווי זײנע ברידער פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער, נאָר ער שטעהט אויך סאָציאַל אויף אַ העכערע מדרגה. זײן גאַנצער לעבענס־שטײגער האט זיך געענדערט צום בעסערען פאַר די לעצטע פאַר צעהנדלינג יאָהר, זינט די יודען האָבען זיך דאָרט אָנגעהויבען צו בעזעצען. דער יודישער אויפבוי פון פּאַלעסטינאַ האט נישט בלויז נישט פערערגערט די לאַגע פון די דאָרטיגע אַראַבער, נאָר עס האט, פערקעהרט, זײער לאַגע פיעלפאַך פערבעסערט, די יודען האבען אויפגעבויט פּאַלעסטינאַ

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

די „דרײ וואָכען".

לעולם, לעבען מיר שוין אַדורך אַ פאַר יאָהר כסדר די טרויעריגע „דרײ וואָכען", נאָר מיר ווערען שוין אַזוי צוגעוואוינט, אַז מיר לעבען מיט זײ אין פרײדען און עס מאַכט שוין אויף קײנעם נישט קײן אײנדרוק.

אויב איך דערמאָן דאָ די טרויעריגע דרײ וואָכען איז עס דערפאַר, ווײל פונקט שבעה עשר בתמוז, ווען עס הויבען זיך אָן די „דרײ וואָכען" האָט זיך אָנגעהויבען די איבערקעהרעניש אין דײטשלאַנד און עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז ביז עס וועלען זיך ענדיגען די דרײ וואָכען, ד. ה. ביז תשעה באב זאָל שוין בײ זײ זײן דער אמת'ער חורבן.

גענוג האָבען מיר שוין געטרויערט אויף אונזער חורבן. גענוג האָבען מיר שוין געצעהלט די ביטערע דרײ וואָכען, וואָס דערמאָנען אונז, ווי אַזוי מען האָט אונז פערטריבען פון אונזער לאַנד, אָפּגערויבט דאָס טײערסטע וואָס אַ פאָלק פערמאָגט — די זעלבסטשטענדיגקײט. עס וואָלט שוין דעריבער געווען די העכסטע צײט, אַז זײ, די שונאי ישראל, וועלכע ווילען אונז ווײטער שלעכטס טהון, זאָלען שוין אָנהויבען צו צעהלען „דרײ וואָכען".

אַ הײליגע אַרבײט.

דאָס טײערסטע פון אונזער לעבען זענען די קינדער, אין וועלכע מען וויל אײנפלאַנצען דאָס שענסטע און בעסטע און דער עיקר — זײ זאָלען זײן ווירדיג און קאָנען זײן דער שטאָלץ פון דער מענשהײט.

דערצו אָבער מוז מען האָבען די מעגליכקײט זײ צו ערציהען סײ פיזיש, סײ גײסטיג. זענען אָבער פעראַנען הונדערטער און טויזענטער יודישע קינדער, וועלכע ווערען געבוירען אויף גאָטס־וועלט, נאָר קאָנען נישט געניסען פון דעם אַלעם גוטען, וואָס איז אָנגעגרײט פאַר די דאָזיגע מענשליכע בריאים.

טויזענטער יודישע עלטערן קוקען אויף זײערע קינדער מיט צער און ווײטאָג, נישט קאָנענדיג זײ געבען כאָטש אַ מינימום פון זײערע בעדערפענישען. ווער שמועסט זומער, ווען דאָס קינד דאַרף האָבען מיט'ן לעבען אַ ביסעל פרישע לופט און אַ ביסעל מעהר שפּײז, כדי צו שטאַרקען דאָס קראַנקע גופל — ווערען די עלטערן אינגאַנצען פערצווײפעלט. לויפען זײ טאַקע אין „טאָז", ווי אויך אין „דאָבראָטשיננאָשטש" בעטען, אַז מען זאָל רחמנות האָבען אויף זײערע קינדער און זײ מיטנעמען אויף דער קאָלאָניע.

אין גאָרטען פון דער האַלב־קאָלאָניע פון „טאָז" שפּרינגען אַרום הונדערט און עטליכע זיבציג יודישע קינדער. פרײד און גליק בעהערשט זײ, און ווען איהר קוקט אויף די דאָזיגע יונגיטשקע קינדערלעך, דערקאָנט איהר זײ נישט. פונקט אַזוי ווי אַ שפּראָצונג, וואָס צובליהט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, אַזוי צובליהען זיך די דאָזיגע טײערע אומגליקליכע קינדער אויף דער האַלב־קאָלאָניע.

עס איז אַ גרויסע הײליגע אַרבײט.

דער ערשטער שטײן.

זײט וויסען רבותי, אַז דער ערשטער שטײן צום בנין פון בית המדרש איז שוין געלײגט געוואָרען.

געשעהן איז דאס יענע וואָך. דאָנערשטאג נאָכמיטאָג זענען זיך צונויפגעקומען די מיטגלידער פון קאָמיטעט, פאָרשטעהער פון דער קהלה און אַנדערע יודען, און בײ אַ פײערליכער שטימונג האָט מען געלײגט דעם גרונדשטײן.

דער געוועזענער רב האָט דערבײ געהאַלטען אַ רעדע, חזן באַדאַש האָט אויפגערופען און אײנער נאָכ'ן אַנדערן האָבען געלײגט שטײנער אין דער ערד אַרײן, כדי שפּעטער זאָל מען אויף זײ אַרויפמויערען אַ מויער, וואָס זאָלען דינען אלס כותלי בית המדרש,

דערבײ האָט ר' משה האַלטער אַדורכגעלײענט די מגילה, וואָס איז אַרײנגעלײגט געוואָרען אונטער דעם ערשטען שטײן און וועט זײן דער עדות אין הונדערט יאָהר אַרום, ווער עס זענען געווען די יעניגע, וועלכע האָבען געגעבען דעם פּראָיעקט און זיך גלײכצײטיג געווידמעט דער דאָזיגער וויכטיגער אַרבײט.

די דאָזיגע פײערונג איז פאָרגעקומען אָהן רעש און טומעל, דערפאַר אָבער איז זי געווען פאַמיליאַר־הארציג. מען האָט געפיהלט די ערנסטקײט פון מאָמענט און יעדער איז געווען אַדורכגענומען מיט אַ יראת הכבוד פאַר דעם געשעהענעם. אויך אַ פאָטאָגראַף האָט פעראײביגט דאָס געשעהעניש לעולם ועד. דאַן האָבען מיטגלידער פון בית־המדרש־קאָמיטעט געטײלט בראָנפען מיט לעקעך און מען האָט זיך געווינשען לחיים.

די ווײבער, וועלכע זענען מיט די עופות געגאַנגען אין שחט־הײזעל, זענען געבליבען שטעהן און געקוקט אויף דעם געשעהעניש; נישט אײן האָן וועלכער איז געווען אונגעדולדיג האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די הענד און דערווײל אַוועק שפּאַצירען, און די בעל־הבית'טע האָט איהם מיט גרויס דרך ארץ געמוזט פערבעטען אין שחט הײזעל אַרײן.

נאָך דעם פײערליכען אַקט איז דער עולם אַרײן אין שוהל, וואו חזן באַדאַש האָט אָבגעדאַווענט אַ וואָכענדיגען מנחה מיט אַ יום טוב'דיגען נגון און בעוויזען פאַר'ן עולם זײן קאָלאָראַטור־שטימע...

אײנציגווײז איז זיך דער עולם צוגאַנגען. די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבען דערווײל אָבגעהאַלטען אַ זיצונג, וואו זײ האָבען בעשלאָסען זיך צו נעמען צו דער ווײטערדיגער אַרבײט, דהײנו: צונויפזאַמלען דאָס נויטיגע געלד, ווי אויך די מאַטעריאַלען, וואָס מען דאַרף צום בנין. די דאָזיגע אַרבײט איז זעהר אַ וויכטיגע, ווײל אין דעם הענגט אָב דער גורל פון דער גאַנצער אונטערנעהמונג. עס איז אָבער מעהר ווי זיכער, אַז דערין וועט קײן מגועה נישט זײן, וואָרום מען זעהט דאָס, דער יודישער עולם איז בעגײסטערט פון דעם דאָזיגען פּלאַן און אַלע העלפען מיט איהם צו פערווירקליכען.

די אַרבײט יעדענפאַלס האָט זיך גענעבען אַ רוק פאָראויס. אויפ'ן הויף פון בית־המדרש ליגען שוין ביז 30 טויזענד ציגעל, אויך געלאָשענער קאַלך איז שוין פעראַן אַ סך און גאַנצע פיהרען מיט זאַמד זענען אָנגעשיט, און אַלעס האָט נאָר געוואַרט אויף דער מינוט, ווען מען וועט שוין קאָנען אָנהויבען מויערען. דערווײל איז די התחלה געמאַכט געוואָרען. די פײערליכע צערעמאָניע איז שוין פאָרגעקומען, דער ערשטער שטײן איז שוין געלײגט געוואָרען און דער בנין געהט...

ז'י „קרולאָווא יאַדוויגאַ" האָט ס'וואָרט.

די וואָך האָבען מיר געהאַט צו גאַסט אין דער רעדאַקציע „איהר מאַיעסטעט קרולאָווא יאַדוויגאַ", וועלכע איז געקומען מיט אַ גערעכטע טענה: ערשטענס האָט זי אַ פּרעטענציע, הלמאי מען אָרדענט אײן פּראָטעסט־מיטינגען געגען דעם אורטײל איבער אברהם סטאַווסקי. מען האָט דאָך געקאָנט קומען צו איהר און זי, די קרולאָווע, וואָלט אונטערגעשריבען אַ בעגנאַדיגונגס־אַקט און מען וואָלט פערשפּאָרט דעם גאַנצען טאַראַראַם צו שאַפען קאָמיטעטען אײנאָרדנען מיטינגען און זאַמלען געלד. אַזוי ווי מען האָט זיך ביז איצט צו איהר נישט געוואָנדען, האַלט זי פאַר איהר חוב אַלײן צו מעלדען דער ברײטער עפענטליכקײט, אַז זי, די מלכה יהודית פון פּאַלעסטינאַ, איז גוזר, מען זאָל סטאַווסקי'ן בעפרײען.

שרײבט דאס אַרײן אין דער צײטונג —טענה'ט זי— און זאָל די ענגלישע מלוכה דאס לעזען, במילא וועט זי מוזען אויספיהרען איהר, דער מלכה'ס בעפעהל.

די צווײטע טענה, וואס די קרולאָווע האָט, בעשטעהט אין פאָלגענדען:

יענע וואָך דאָנערשטאָג האָט מען געלײגט דעם ערשטען גרונדשטײן פון נײעם בית־המדרש און צוזאַמען מיט אַלע פּראָמינענטע פּערזענליכקײטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אויף דער מגילה, וואס איז אַרײנגעלעגט געוואָרען אונטער'ן שטײן, געפינט זיך אויך דער נאָמען פון איהר, דער יודישער מלכה; וועגען דעם איז זי איבערצײגט (ווי דען אַנדערש?...) אָבער זי האָט אַ פּרעטענציע, הלמאי מען האָט אויך נישט אַרײנגעשריבען איהר נאָהנטען מיטאַרבײטער, איהר ברודער ר' שלמה פון וואַרשא לכן פאָדערט זי פון בוי־קאָמיטעט, אַז מען זאָל אויך איהר ברודער אַרײנלײגען...

האָבען מיר זיך געוואָנדען אין דער מלכה'ס נאָמען צום בוי־קאָמיטעט וועגען דאָזיגען ענין און בעקומען

מעהר פאר די אראבער ווי פאר זיך...

פרעגט זיך איצטער, וויבאלד די לאגע פון די אראבער אין פאלעסטינא איז פיעל בעסער ווי די לאגע פון די אראבער אין אנדערע אראבישע לענדער, טא ווי קומט עס, וואס אלע זארגען זיך דוקא פאר ז י י, פאר די פאלעסטינער אראבער?

איז דער תירוץ א גאנץ פשוט'ער: עס איז נישט אהבת מרדכי, נאר שנאת המן. עס איז נישט אזוי די ליעבע צום אראבער ווי די שנאה צום ציוניזם. דער פאלעסטינער אראבער ליגט זיי אפילו אין דער לינקער פאה נישט, אבער דער ערפאלג פון די ציוניסטען, ווי קליין ער זאל נישט זיין, שטעהט זיי ווי א ביין אין האלז. לעגט מען אריין די טומאה אין דער קדושה און מען פערגיסט ביטערע קראקאדיל-טרעהרען אויף דעם שיקזאל פון די אראבער אין פאלעסטינא...

דער מופטי און די „עפענדיס", די יודישע, פונקט ווי די אראבישע, האבען פיינט דעם ציוניזם, ווייל זיי האבען מורא, אז די אראבישע ארבייטער וועלען דורך די יודישע ארבייטער אראבגעפיהרט ווערען פון דעם גלייכען וועג... דער אראבישער ארבייטער האט שוין געקריגען פליגען אין נאז. ער פערלאנגט בעסערע און מענשליכערע בעהאנדלונג. ער פאדערט אויך גרעסערע פערדינסטען ביי זיי, ביי די עפענדיס און די מופטיס, איז עס א פראגע פון פיאסטערס, זיי ווילען נישט קיין קלוגערען אראבישען ארבייטער. די ציוניסטישע ארבייטער זענען פאר זיי צו-קלוג. די אראבישע ארבייטער קענען זיך נאך הס ושלום אנשטעקען דערמיט...

די קאמוניסטען ווידער האבען זיך זייערע אורזאכען פארוואס זיי האבען אזוי פיינט דעם ציוניזם. צו אלעם ערשטען נעמט זיך זייער פיינדשאפט צום ציוניזם פון א משוגענע „אידעען-פערבינדונג". זיי פערבינדען פאלעסטינא מיט רעליגיע און אלץ, וואס האט א דירעקטען אדער אומדירעקטען שייכות מיט רעליגיע איז ביי זיי טריף ווי חזיר, לויט דעם אלטען כלל, אז רעליגיע איז אפיום פאר'ן פאלק.

א חוץ דעם און דאס האט זעהר פיעל צו זאגען, האבען די קאמוניסטען זיך געעפענט אנ'אייגען קרעמעל. זיי האבען זייער בירא-בידזשאן. און ווי באלד מען האט אנ'אייגען קרעמעל, מוז מען שוין רופען די קונים, די „קליענטען", צו זיך אין געשעפט. „ביזנעס איז ביזנעס"...

רעדענדיג וועגען בירא בידזשאן, ווען די קאמוניסטען, איך מיין נאטירליך די יודישע קאמוניסטען, וואלטען מיט זייער בירא-בידזשאן נישט געהאט קיין הינטער-כונות און הינטער-געדאנקען, ווען זיי וואלטען באמת געמיינט בלויז די טובה פון דעם ליידענדען יודישען פאלק, וואלטען זיי לייכט געקענט איינזעהען, אז בירא בידזשאן און פאלעסטינא דארפען איינע די אנדערע נישט אויסשליסען. זיי קענען געהן האנד אין האנד.

פאלעסטינא אליין איז וויניג, זי איז צו קליין, זי קען נישט אריינעמען אלע יודען, וואס וואלטען וועלען ענטלויפען פון זייערע געבורטס-לענדער. פאלעסטינא אליין קען נישט פערענטפערען די יודען-פראגע אין איהר גאנצער גרויס. וועגען דעם קענען גאר קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. דאס זעלבע איז אויך אמת וועגען בירא-בידזשאן. בירא-בידזשאן אליין קען די יודען-פראגע נישט פערענטפערען. אפילו ביידע צוזאמען, האב איך מורא, וועלען די יודען-פראגע נישט פערענטפערן... ביידע צוזאמען וואלטען אבער געקענט לייזען א געוויסען טייל פון דער יודען-פראגע, ווען זיי וואלטען איינע געגען דער אנדערער נישט קאנקורירט ווי שונאים...

איז אבער די מעשה, וואס דער קאמוניסטישער שכל, ווי דער שכל פון אלע גלויביגע, ארבייט אין א גראדער ליניע. פון קיין אבנייג ווייסען זיי נישט. מען איז אדער מיט זיי אדער געגען זיי, מען מוז איינשלינגען זייער גאנצען שולחן-ערוך, אויב מען וויל געניסען פון זייער גן-עדן און זייער שור-הבור... איז פאר זיי וויכטיגער זייער צושטערונגס-ארבייט אין פאלעסטינא, ווי זייער אויפבוי - ארבייט אין בירא-בידזשאן...

* *
*

די מופטיס, די עפענדיס און די יודישע קאמוניסטען זענען נישט די איינציגע „פריינד" פון דעם פאלעסטינער אראבער. די גוטע, פרומע און ליעבע ענגלאנד איז אויך זיין „פריינד" און אויך נישט ווייל זי איז אזוי פערליבט אין די אראבער, נאר ווייל דער יודישער אויפבוי אין פאלעסטינא איז איהר גרויס אין די אויגען...

צעהנדליגער מיליאנען אינדיער געפינען זיך אין אינדיען, וואס האבען קיין ברעקיל לאנד נישט. דאס אינדישע לאנד איז פערכאפט געווארען פון די העכערע קאסטען. ענגלאנד קימערט זיך וועניג וועגען די אינדישע לאנדלאזע. נאכמעהר, ענגלאנד זארגט זיך אפילו נישט וועגען איהרע אייגענע מיליאנען לאנדלאזע ארבייטער. דאס גאנצע לאנד פון ענגלאנד און שאטלאנד ליגט אין די הענד פון א דריי—פיער הונדערט ענגלישע לארדען. א גרויסער טייל פון דעם לאנד ווערט נישט בעארבייט. די ענגלישע פריצים אדער לאדען געברויכען דעם ראזיגען אומבעארבייטען לאנד פאר זייערע שפילעריי, [illegible] און געיעג. ענגלאנד שווייגט. ענגלאנד מאכט זיך נישט-וויסענדיג. מיט א געוויסער צייט צוריק האט לאיד דזשארזש יא גערעדט וועגען דעם, אבער עס האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט. עס איז געבליבען ביים אלטען. דאס לאנד פוסטעוועט און די ארבייטער, וואס וואלטען עס געקאנט בעארבייטען, הונגערן.

ענגלאנד קימערט זיך נישט וועגען די צעהנדליגער מיליאן לאנדלאזע אינדיאנער. זי קימערט זיך אפילו נישט וועגען איהרע אייגענע מיליאנען הונגעריגע לאנדלאזע. דערפאר אבער ליגט איהר שטארק אין זינען די עטלכע הונדערט לאנדלאזע אראבער, וואס געפינען זיך אין פאלעסטינא. ענגלאנד קען נישט רוהען. ענגלאנד קען נישט שלאפען. זי מוז זיי און זי וועט זיי, אזוי זאגט וועניגסטענס ענגלאנד, בעזארגען מיט לאנד. זי האט בעשלאסען צוליעב דעם דאזיגען צוועק אפילו נעגעבען פאלעסטינא א הלואה, פערשטעהט זיך אויף גוטע פראצענטען, פון 10 מיליאן דאלאר—גאנצע 10 מיליאן דאלאר!

גליקליכע אראבער!

פ. בלומענקראנץ.

מאסע און פיהרער.

(שטריכען).

סוף.

דער שעפער פון דער חבד"ישער שיטה, ר' שניאור זלמן מלאדי שרייבט: 8)

„... אויב דער גוף איז נבזה און נמאס און די שמחה — א נשמה'דיגע, איז דער וועג צום קיום פון דער מצוה: ואהבת לרעך כמוך: יעדע איינציגע פון קליין ביז גרויס — א גרינגער און גלייכער, ווארום דער קערפער איז דעמאלט מתועב און בנוגע נפש און רוח, ווער ווייסט זייער גרויסקייט, שורש און מקור אין גאט!"

„ווייל מיר האבען איין פאטער, ווערען יודען אנגערופען ברידער, אחים ממש צוליב'ן שורש פון זייער נפש און איין גאט, ווארום נור די גופים זענען צוטיילט".

איינער פון די אינטערעסאנטסטע פיהרער פון חסידות, דער פאעט רבי ר' נחמן בראסלאווער, וועלכער אפאטעאזירט אויף א בעזונדערען אופן דעם צדיק, אויסדריקענדיג זיך, אז אויב ס'אהרט עפיס אויפ'ן צדיק, דארפט דאס דאזיגע נישט מבלבל זיין צו רעיונות, ווייל די צדיקים זענען גלייך צום בורא. און אזוי ווי ס'איז שווער צו פרעגען אויפ'ן אויבערשטען, איז שווער צו פרעגען אויפ'ן צדיק 9) — אט דער דאזיגער גייסטיגער אריסטאקראט, לערנט:

— דער מענש איז נישט זוכה צו תורה נור דורך נידריג האלטען. ער דארפט צוברעכען די גאוה דורך 4 בחינות פון שפלות: ער איז קלענער פון גרעסערע פון איהם, פון זיינס גלייכען, פון קלענערע אין טייל מאל — אז ר'איז דער קלענסטער פון אלע, דער קטן שבקטנים. 10)

דער דאזיגער גרונד-געדאנק ווערט געפלעגט דורך אלע אנדערע גרויסע מנהגים פון הסידות:

— זייערע מדרגות זענען פערהאן אין עבודת ה' — האט געלערנט דער „יוד הקדוש" — דער, וואס איז א צדיק, עוסק אין לערנען א. ז. וו., נור ר'ווייסט, אז ער איז א צדיק, ער קען זיך אויף זיין צדקות — דאס איז די נידריגסטע מדרגה, ווייל ער האט נישט בדעה מעהר זיך משתלם צו זיין. אזא שטעהן אויפ'ן ערש איז א ירידה; די צווייטע מדרגה איז, בעת די גוטע מעשים זענען וויניג, אבער ער קען זיך דערויף, ער נארט זיך נישט, אז ר'איז א צדיק — דאס איז א העכערע מדרגה; זיי דריטע מדרגה פון אנ'אמת'ן צדיק איז: ווען ר'דינט דעם אויבערשטען מיט מסירות-הנפש און פונדעסטוועגען איז ער א גרויסער עניו און א שפל-בעצעתו, קלערענדיג תמיד, דאס ר'איז נאך נישט צו גאר צוגעקומען — דאס איז די העכסטע מדרגה. 11)

„דער, וואס ווייזט א פייג זיך אליין — פלעגט דער „יוד" זאגען — (ד. ה. אז ער איז אנ'עניו) קען ווייזען א פייג דער גאנצער וועלט".

* *
*

כאראקטעריסטיש: חסידות, וואס באזירט דער עיקר אויף אמונה, ווארום ווי דריקט זיך אוים ר' נחמן בראסלאווער:

— דער עיקר איז, אז מ'דארף האבען אמונת חכמים און נזהר זיין אין זייער כבוד. ווען ס'דוכט זיך אפילו, אז זיי טהון ח"ו געגען דער תורה, דארף מען גלויבען, אז מסתמא טהון זיי עס עפ"י התורה, ווארום די תורה איז געגעבען געווארען די חכמי הדור צו דרשנ'ען זי, איבערדעם דארף מען אוועקשטעלען דעם אייגענעם שכל און פערלאזען זיך אויף זיי12) — אט אפילו די דאזיגע מיט מיסטיציזם-גרעניצענדיגע זיך בעוועגונג, איז נישט לייכט אנגעקומען צו ווערבירען אנהענגער. די מנהגים האבען זיך בעמיהט אויף פערשידענע אופנים צו בעקומען א בעדייטענדען למדן פאר זיין חסיד און אפילו די, וואס זענען שוין פערעכנט געווארען פאר אנהענגער, האבען אויך נאכגעקוקט און נאכגעשפירט דאס התנהגות פון זייערע רביים. און די אמונה איז ערשט מיט דער צייט פערשטארקט געווארען א דאנק דער פעסטשטעלונג, אז די מנהיגים זענען באמת אנשי עליה:

— כ'האב פערבערענגט ביי זיי (ר' אלימלך פון ליזענסק און ר' שמואל פון ניקאלסבורג) — שרייבט דער חסיד ר' זכריה מענדל13) און נישט בעמערקט קיין שום דבר שפלות. ס'האט ביי זיי נישט געענקטיגט קיין געלד אפילו איין נאפט. זייער גאנץ לעבען האבען זיי עוסק געווען אין תורה ומצוות און מעשים טובים; חתונה צו מאכען יתומים, יתומות און אלמנות, צו בעפרייען געפאנגענע, צו היילען קראנקע און צו טרייסטען פערטרויערטע.

* *
*

היוצא לנו מזה.

דער יוד. קוק אויפ'ן לעבען איז אנ'אינדיווידואליסטישער. איהם איז פרעמד דער געדאנק פון אונטערוואַרפען זיך א מענש בלינד און הארכען איהם.

די אמונה אין משה רבנו איז געווען צוליעב דעם, וואס ער האט נישט אונז געלערנט געגען שכל, ווארום ווען פערקעהרט, וואלטען די אותות נישט געהאלפען.14)

ביי דעם גלויבען אין יחידים איז מען נישט דערגאנגען צוליעב שוין דערמאנטע טעמים צו אבסאלוטער, קריטיקלאזער געהארכזאמקייט.

דער עגאצענטריסטישער קוק אויפ'ן לעבען, דער גלויבען פון „בנים אתם"; דאס לייגען דאס גאנצע געוויכט אויפ'ן מענש, וועלכער איז לויט'ן זהר דער „סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה"; די אמונה פון איטליכען גלויביגען יוד, אז אלע נשמות זענען געשטאנען פאר'ן בארג סיני, אז רחמנא לבא בעי — אט דער דאזיגער בעגריף, וועלכער איז בעזונדערס אין די לעצטע יאהרהונדערטער געפלעגט געווארען דורך דער קבלה און חסידות, האט נישט דערלאזט ביי יודען דעם געדאנק פון „פיהרער" אין דעם זין, ווי מיר זעגען עדות ביי אנדערע פעלקער, וואס גרעניצט זיך פשוט מיט פעטישיזם.

* *
*

מיר האבען זיך עטוואס אבגעשטעלט אויפ'ן אויבענבעריהרטען, לויט אונזער מיינונג זעהר אינטערעסאנטען פראבלעם, צוליעב דעם פיהרער - פסיכאז, וואס האט זיך לעצטענס פערגנב'עט ביי אונז און נעמט אן — פיעל מאל געגען רצון פון די פיהרער גופא — זעהר נישט-סימפאטישע פארמען.

די דאזיגע ערשיינונג, וואס האט נישט קיין שטארקען אינהאלט אין דער יוד. פערגאנגענהייט און איז נישט קיין פועל יוצא פון יודישען דענקונגס-ארט, נור גיכער אנ'איבערפלאנצונג פון דער פרעמד, צו וועלכער מיר כאפען זיך אפט אהן איבערקלויב — פערלאנגט אביסעל עיון. און די, וואס פערנעמען זיך מיט'ן יודישען לעבען און איהרע ערשיינונגען ערנסטער און טיעפער, דארפען זיך אויפ'ן בעריהרטען ענין בכבד ראש אבשטעלען.

ס'איז בעשטימט כדאי!

8) תניא פ' ל"ב.
9) לקוטי עצות, צדיק (ק"ג).
10) לקוטי עצות, גאוה וענוה (י"ב).
11) רבנינוביץ, ר' יעקב יצחק מפשיסחא, ציטירט פון „אור הנר".
12) דארט, צדיק (ג').
13) נועם אלימלך, צום סוף.
14) האמונות ודעות, מאמר שלישי פרק ח'.

פאלגענדען ענטפער:

היות, ווי זיי בעדויערן שטארק, וואס זיי האבען פערגאסען צו פערשרייבען איהר ברידער, וועלען זיי זיך בעמיהען צו מאכען א ספעציעל גרוב און פונדאמענט און דארט אריינלייגען איהר, דער מלכה'ס ברודער, שלמה...

ווי איהר זעהט, איז אונזער מלכה יאדוויגא טעטיג.

זי האט פ'ווארט...

בשעת חדוה.

אין א קלאס פון דער האנדווערקער-שולע קומט פאר א „הערבאטקע" איינגעארדענט דורך די שילער, וועלכע האבען געענדיגט די שולע. פערבעטען האבען זיי די לעהרער, מייסטער, דעם דירעקטאר, די פערוואלטונג און א פארשטעהער פון אונזער צייטונג.

איידער די „הערבאטקע" הויבט זיך אן, בעווייזט זיך ד"ר יוזעף מארקוספעלד, איינער פון די גרינדער פון דער האנדווערקער-שולע, וועלכער איז אויך געקומען זעהן די פרוכט פון זיין ארבייט. דער עולם ווערט ערנסט. מען זעצט זיך אוועק ביי די טישען, מען איז מכבד דעם חשוב'ן גאסט מיט'ן אויבענאן. דער לעצטער וויל אבער בשום אופן נישט דעם כבוד; ער וועט זיצען צוזאמען מיט'ן עולם.

מען נעמט דאס ערשטע ביסעל בראנפען, דער דירעקטאר פזשיסוסקער עפענט די פייערונג, רעדט א פאר ווערטער מעגינא דיומא און פטור. מען נעמט דאס צווייטע ביסעל בראנפען און א צווייטער רעדט, מען נעמט א דריט ביסעל בראנפען און דערביי ניט עמיצער א רעד א פאר הייסע ווערטער, ער דערמאנט דעם פערשטארבענעם נדבן העגריק מארקוספעלד, וועלכער האט צוזאמען מיט'ן ברודער ד"ר יוזעף מארקוספעלד מיט 39 יאהר צוריק אויפגעבויט די האנדווערקער-שולע וועלכע עקזיסטירט ביז'ן היינטיגען טאג און האט אין משך פון דער צייט ארויסגעגעבען 900 בעלי-מלאכות

די שטימונג ווערט א לעבהאפטע און דער גאסט ד"ר מארקוספעלד האלט א רעדע, א דאנק וועלכער מיר ווערען געוואויר א בלעטיל געשיכטע:

„מען האט פארגעווארפען יודען מיט יאהרען צוריק, אז זיי זענען א פאלק פון שאכער-מאכער און צו קיין מלאכה טויגען זיי נישט. דאן האבען יודישע קינדער בעקומען זייער בילדונג נאר אין די חדרים, זענען געקומען די מארקוספעלד'ס און האבען פעראייניגט בילדונג מיט מלאכה, אז דער צוקונפטיגער דור זאל אויסוואקסען א געבילדעטער בעל - מלאכה און קאנען זיך בויען זיין לעבען זעלבסטשטענדיג און דערמיט גלייכצייטיג אבווארפען די טענות פון די נישט-יודען".

איך בין גליקליך—ענדיגט ד"ר יוזעף מארקוספעלד—וואס נאך אזוי פיעל יאהר זעה איך, אז די זוימען, וועלכע מיר האבען מיט 39 יאהר צוריק איינגעפלאנצט האבען געבראכט פרוכטען. ער ווינשט ערפאלג אין דער ווייטערדיגער ארבייט.

אלע אפלאדירען און די שטימונג ווערט אויפגעהייטערט. עס הערט זיך א ניגונ'דל, דער עולם כאפט עס אונטער און דאס שטייפקייט ווערט פערשווינדען. עס מישען זיך אויס לעהרער, מייסטער מיט די שילער און אפילו ד"ר מארקוספעלד ווערט אריינגעצויגען אין דער פרעהליכער שטימונג — כאחד האדם; עס ווערען פערווישט די אונטערשידען פון אריסטאקראט און ארבייטער, דירעקטאר און שילער.

א לאנגע צייט האט דער עולם זיך נאך הארציג געוויילט און בעגריסט דעם יום - טוב פון ארבייט, פון דעם נייעם יונגען יודישען דור, וועלכער געהט ארויס אין דער וועלט א געזונטער, א געבילדעטער, כדי אויפצונעמען מיט אפענע אויגען דאס לעבען.

עס איז געווען א בעשיידענער, אבער א העכליכער יום-טוב.

א וואוילער אויפטהו.

זאגט צו מיר א יוד, א דאוונער פון שטיבעל אלע 6, אז עס וואלט גלייך געווען, דאס אין נייעם בית - המדרש, וועלכען מען בויט איצט, זאל מען צווישען אנדערע מכשירים, אויך אוועקשטעלען א ספעציעלען טיש אויף צו מאכען... משכנתא'ס. ווען איך האב אויסגעשטעלט אויף איהם א פאר אויגען, וועלכע האבען געזאגט: היתכן? — האט ער מיר ערקלערט פאלגענדעס:

אין זייער שטיבעל זענען זיי זיך נוהג, אז יעדע פאר טאג פראווען זיי הלכות משכנתא — אמאל דעם בחור, אמאל יענעם הסיד. האבען זיי אבער נישט קיין ספעציעלען טיש, נאר נוצען אויס דעם שולחן, אויף וועלכען מען לייענט און דאס איז נישט בעקוועהם, ווייל ער איז אביסעל צו-הויך, אזוי אבער ווי מען בויט א בית - המדרש וואלט געווען א פלאן מען זאל דארט מאכען א בעזונדער שטיבעל און גלייכצייטיג אוועקשטעלען א ספעציעלען משכנתא-טיש, כדי ווער עס וועט זיך וועלען שפילען אין משכנתא'ס, זאל עס דארט קענען מאכען פריי און פראנק.

ווי געפעלט אייך דער אויפטהו פון דעם דאזיגען יוד, א יא א וואוילער אויפטהו?...

גיפט-פערפאקונגען.

מיר האבען שוין עטליכע מאל אויפמערקזאם געמאכט די יודישע געוועלבאייגענטימער, אז בעת זיי קויפען צייטונגס-פאפיר איינצופאקען זייערע סחורות, זאלען זיי אכטונג געבען צו די צייטונגען זענען נישט די סם-צייטונגען, וואס ווערען פערקויפט אין די מאסען, כדי דער קונה, וועלכער ברענגט אהיים די סחורה איינגעפאקט אין דער דאזיגער צייטונג, זאל דערוויל אדורכלעזען א שטיק גיפט וועגען יודען.

א לענגערע צייט האט מען שוין וועגען די דאזיגע גיפט - פערפאקונג נישט געהערט, לעצטענס אבער—ווי עס דערצעהלען מיר יודישע סוחרים—האט זיך דאס ווידערהאלט און דעריבער מאכען מיר טאקי אויפמערקזאם די יודישע סוחרים, אז זיי זאלען אכטונג געבען און נישט נעמען אין האנד אריין די דאזיגע שעדליכע גיפט-פערפאקונגען.

תשליך...

נישט בלויז איינמאל אין יאהר קומט אונז אויס צו געהן צו „תשליך", נאר, ווי איהר זעהט, 2 מאל אין יאהר: איינמאל ראש-השנה און דאס צווייטע מאל ביים יום-טוב פון ים.

א גרויסער עולם פאהרט טאקי צום ים קיין גדיניא, וואו זיי ליידיגען אויס די „טעשלעך", נאר אזוי ווי ס'רוב מענשען האבען ליידיגע טאשען, געהן זיי אין יום-טוב פון ים צו דער „ווארטא" און זענען אויף אזא אופן מקיים די הלכות „תשליך".

לויתן

שלמה פייגענבוים

אַ טרויעריגער אמת.

איין ליכטיגער פונקט איז פערהאַן אויפ'ן גאַנצען ערד-קוגעל, אַ קליין אינזעלע אויף אַ צושטורמטען ים פון שנאה און האס צו אונז — דאס איז ארץ-ישראל, וואוהין טויזענטער יודישע אויגען און הערצער זענען געווענדעט, וואו אונטער די קלאַנגען פון האמערס שטעהט אויף תחית המתים אַ גיי אויסגעטרוימט לעבען.

אָבער ס'איז נישט פערהאַן קיין שום ליכט, וואס ס'זאָל נישט האבען קיין שאָטען; נישטאַ קיין רויז אָהן דערנער. אָט האט זיך איצט איבער די בלויע ארץ-ישראל-הימלען פערצויגען אַ שאָטען, אַ שאָטען פון תליה,

אַ מענש איז געקומען קיין ארץ-ישראל צו אַרבייטען, צו זיין אויך אַ שותף צו די מעשה-בראשית, וואס ווערען דאָרט געשאַפען; צו בענעצען די האַרטע ארץ-ישראל-ערד מיט זיין שווייס פון ארבייט און — געפאַלען, געפאַלען אלס קרבן... נישט אויף זיין ארבייטס-פלאַץ נאך וועלכען ער האט געבענקט און געלעכצט, געהאַפט און געחלומ'ט איז ער געפאַלען, נאַר אלס קרבן פון פאַרטיי-שנאה. געפאַלען אלס קרבן איז ער, ווייל ער האט נישט געוואָלט שטרייקען (אשר חזן), געפאַלען אלס קרבן איז ער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אנערקענען די העגעמאָניע פון איהר מאַיעסטעט, די הסתדרות...

לאָמיר זיך נישט אריינלאָזען אין תוך פון דעם ענין: צי יאָ אָדער נישט-שולדיג, לאָמיר דאס איבערלאָזען צו דער ענטשיידונג פון אַפּעלאַציע-געריכט אין ירושלים, אין דער האפנונג, אַז עס וועט דאך אַרויסגעטראָגען ווערען דער גערעכטער אורטייל.

איך וויל דאָ אילוסטרירען אַ פאַקט, וועלכער בעווייזט בולט ווי ווייט די פערגיפטעטע אַטמאָספערע האט אונז דערפיהרט.

דעם פאַטאַלען פרייטאג, ווען אונזער „נאַציאָנאַלע היים" איז בעשאַנקען געווארען מיט דער תליה, נאך וועלכער עס האבען פיעל ציוניסטען (?!) געבענקט, האבען זיך עטליכע מיטגלידער פון „הסתדרות" צוזאַמענגעזאַמעלט אונטער'ן פענסטער, וואו ס'האט געוואוינט די מוטער פון דעם צום טויט פעראורטיילטען זוהן, כדי מיט געזאַנג און טאַנץ אויסצודריקען זייער שמחה צוליעב דעם גרויסען גליק, וואס ס'האט זיי געטראָפען (ווי בעשטימט!). כדי דאָ, אונטער'ן פענסטער פון אַנ'אומגליקליכער מוטער זייערע חיה'שע אינסטינקטען אויסצולעפערן. אסור, צי דער טייוועל אליין וואָלט שוין אַ בעסער אָרט צוגעקליבען! און די מוטער? די מוטער, וועלכע איהר זוהן איז פער'משפט צו תליה? איהר, דער מוטער קען אפילו דאס האַרץ פלעצען, וועמען אַרט עס דען? וועמען קימערט דען די פעראומערטע טעג און די שלאָפלאָזע נעכט פון אַזאַ מוטער? ווער זאַמעלט צונויף די טרעהרען פון די קאַשמאַרפולע נעכט...

זיי?

אפשר זיי, די גראָבהויטיגע ברואים?

עס איז באמת אויסגעצייכענט גוט מאַטעריאַל פאַר פּאַטאָלאָגישע פאָרשונגען. עס טהוט וועה אַזאַ פאַקט צו קאָנסטאַטירען; עס איז אַ ברענענדע חרפה פאַר דער סביבה, אין וועלכער די לייט געפונען זיך.

עס איז דאָ אַנ'אַלט שפריכוואָרט: ווער עס זייהט ווינד — שניידט שטורם. טאָג-איין טאָג-אויס האָט מען געפּרעדיגט שנאה צו דער ריכטונג, צו וועלכער דער פער'משפט'ער געהערט. טאָג-איין, טאָג-אויס האט מען איינגעהעמערט בלינדע שנאה און האַס, ביז זי האט דערגרייכט צו קראַנקהאַפטיגקייט, וואס גרעניצט זיך שוין מיט פסיכאָז, מיט משוגעת. און אַזוי האָט מען מענשען אין חיות פערוואַנדעלט.

עס ווילט זיך באמת נישט גלויבען דאס, וואס מ'לייענט. היתכן? וואו איז דאס מעגליך, האבען שוין באמת די לייט אינגאַנצען דעם צלם אלקים פערלוירען; צי איז שוין אינגאַנצען ביי זיי אטראָפירט דער חוש פון עמפינדליכקייט פאַר יענעמס צער און וועהטאָג; צי זענען באמת די לייט אַזוי מגושמדיג, דאס זיי פיהלען נישט זייער אייגענע חרפה און שאַנד?

עס ווילט זיך טאַקי נישט גלויבען, נור לײדער איז עס אַ טרויעריגער אמת.

קליינינקייטען.

פאַר איין אידעע...

אַלע ציוניסטען, אָהן אונטערשיד פון ריכטונג, אַנערקענען, אַז ד"ר הערצל איז דער שעפער פון פּאָליטישען ציוניזם, דער גייסטיגער פאָטער פון דער דאָזיגער אידעע, וואס האט בעגייסטערט מיליאָנען און זיי אָנגעצינדען צו העראָאישע מעשים.

ווערט טאַקע דער אָנדענקען פון טעאָדאָר הערצל געפייערט יעדעס יאָהר מיט עהרפורכט און כבוד.

דערביי ווערט אָבער געטהון איין קליינינקייט — יעדע פאַרטיי אָרדענט זיך איין אַ הזכרה פאַר זיך, אַזוי ווי ד"ר הערצל וואָלט מאָנאָפּאָליזירט געווארען און יעדער פאַרטיי-מאַן טענה'ט, אַז נאָר אַזוי ווי ער טראַכט און וויל איז געוועזן די מיינונג פון הערצל'ען.

די אַלגעמיינע ציוניסטען האבען געמאַכט שבת פאַר זיך אין דער נייער שוהל, די יודענשטאַטס-פּאַרטיי — אין דער שטאָדט שוהל, די רעוויזיאָניסטען אויפ'ן הויף פון „אייראָן" און „מזרחי" כאָטש מיר האבען נישט קיין ידיעה וועגען דעם, נאָר מען איז זיך משער, אַז אויך זיי האבען, מסתמא, געמאַכט אַ הזכרה אין זייער לאָקאַל.

דאַכט זיך, אַז דאס, וואס יעדע ריכטונג מאַכט בעזונדערע הזכרות, שטימט נישט מיט דער אידעע פון הערצל'ען, וועמעס לאָזונג איז געווען שלום אין די ציוניסטישע רייהען און ווען מען בעהערט יעדער בעזונדער דאס הייליגע אָנדענקען פון אָט דעם רודף שלום סימבאָליזירט מען גאָר די צושפליטערקייט און צוריסענקייט. הערצל אָבער האט דאָך אָנגעצינדען דאס פייער, וואס דאַרף לויכטען און וואַרימען און נישט קיין פייער פון מחלוקות און שנאה.

אַזוי זעהט היינט אויס דער קאַמף פאַר איין אידעע...

דאס לעצטע וואונדער.

די טעכניק פון לעצטען יאָהרהונדערט האט זיך אַזוי ענטוויקעלט, אַז די מאַשין פערטרעט דעם מענשען. און טאָמער איז דאס נאָך ווייניג, האט מען אויסגעטראַכט אַ מאַשין-מענש, וועלכער שטופּט אינגאַנצען שוין אַרויס דעם לעבעדיגען מענש, אַזוי, אַז דער בעל-חי וועט איינציגווייז אויפהערען ערפילען די פונקציעס, צו וועלכע ער איז בעשאַפען געווארען.

אַזוי-צרום וועט מען שוין מעהר נישט קיין מורא האבען פאַר שטרייקען. די מאַשין-מענשען וועלען קיין פאָדערונגען נישט אַרויסשטעלען, וועלען נישט פערלאַנגען קיין 8-שעה'דיגען ארבייטס-טאָג און נאָך אַזעלכע מענשליכע וואונשען.

מיר זאָגען דאס אַקעגען דעם, וואס די לעצטע וואָך איז פאָרגעקומען אַ שטרייק פון די בעקער-אַרבייטער און נישט קוקענדיג דערויף, וואס קיין מאַשין-מענשען אין די בעקערייען זענען נאָך נישטאַ, פונדעסטוועגען האָט מען אין דער שטאָדט נישט געפיהלט קיין מאַנגעל אין געבעקס.

אַמאָל, אַז עס איז געווען אַ שטרייק האט זיך געמאַכט אַ פּאַניק; מען האָט זיך אָנגעזאַמעלט שפייז, מען האט זיך פערזאָרגט אויף וואָכען. היינט אָבער איז שאַ שטיל, קיינעם אינטערעסירט דאס נישט. ווייל יעדער ווייסט, אַז ער לעבט אין דעם יאָהרהונדערט פון וואונדער...

סעם

ביבליאָגראַפישע נאָטיצען.

האַנדבוך פאַר דער מאָדערנער פערפומעריע און קאָסמעטיק פאַבריקאַציע פון דר. ש. רוטשטיין, 184 זייטען גרויסער בוך-פאָרמאַט, 5 טאַבעלען, פערלאַג „טעכנאָכעם", ווילנא 1934.

אין אַ מאָמענט, ווען דאָס יודישע בוך לעבט איבער זעהר אַ שווערען קריזיס, איז זיכער צו בעגריסען דעם פאַקט, וואס ד"ר רוטשטיין האט יעצט אַרויסגעגעבען אַ פאַך-בוך אין דער יודישער שפראַך, וועלכעס באַזירט אויף וויסענשאַפטליכע טעאָרעטישע און פּראַקטישע יסודות.

אין אויפלאַנד ווערען אַרויסגעגעבען אַזעלכע ביכער אין די טויזענדער, דאָרט זענען פערהאַן ספּעציעלע גרויסע פערלאַגען, וועלכע פערנעמען זיך אויסשליסליך מיט אַרויסגעבען פּאָפּולערע פאַכביכער. ביי אונז אָבער איז דאס דאָזיגע געביעט געווען גענצליך פערנאַכלעסיגט.

ד"ר רוטשטיין'ס האַנדבוך איז געשריבען אין אַ קלאָרען, פּאָפּולערען יודיש און איז אַזוי גוט רעדאַגירט, אַז עס ערמעגליכט יעדען — אפילו יענע, וועלכע האבען נישט קיין שום ידיעה אין כעמיע — גלייך אַנצוהויבען די פאַבריקאַציע פון די פערשידענסטע קאָסמעטישע און פערפומעריע-אַרטיקלען. אין קליינעם אָדער גרויסען מאַסשטאַב.

דאס בוך צופאַלט זיך אין 2 טיילען:

אין ערשטען טייל בעשרייבט דער מחבר גענוי אַלע רויה און הילפס-שטאָפען, וועלכע זענען נויטיג אין דער מאָדערנער פערפומעריע און קאָסמעטיק פאַבריקאַציע. דאס איז באמת זעהר וויכטיג צוליעב דעם, אַז ביי דער פּראַקטישער אַרבייט זאָל דער אָנפאַנגער נישט מאַניפּולירען בלינד און מעכאַניש מיט די רויה-שטאָפען, נאָר מיט דעם גענויען וויסען און קענטניש פון זייערע וויכטיגסטע אייגענשאַפטען. נאָר אויף אַזאַ אופן איז מעגליך בעוואוסטזיניג צו קאָמבינירען מיט די פערשידענסטע מאַטעריאַלען און ארבייטען מיט ערפאָלג.

אין צווייטען, פּראַקטישען טייל פון בוך, האט דער מחבר אָנגעגעבען די גייעסטע, מאָדערנע רעצעפּטען פאַר די פערשידענסטע פערפומעריע און קאָסמעטישע אַרטיקלען ווי אַ שטייגער: פיעל סאָרטען פערפומען, אָדעקאָלאָנען, האָר און געזיכטס-וואַסערען, צאָהן-פּאַסטעס, זייפען, פּולווערס און מויל-וואַסערען, געזיכט און היגיענישע פודערס, קרעמען, שמינקעס, נעגעל-לאַקירען, קאָסמעטישע באָד-זאַלצען און פיעל אַנדערע.

דער עיקר דערביי איז אָבער דער פאַקט, וואס די פּראַקטישע אויספיהרונג פון די רעצעפּטען איז אַזוי קלאָר און פּרעציז אָנגעגעבען, אַז יעדער, וואס קאָן נור לייענען יודיש וועט זיכער קאָנען פּראָדוצירען די אַלע אַרטיקלען.

ס'איז בולט, אַז אין זיין האַנדבוך האט דער מחבר אַריינגעלעגט פיעל פלייס, קענטניש און פּראַקטישע ערפאַהרונג און מ'מוז צוגעבען, אַז עס איז איהם געלונגען צו שאַפען אַנ'ערשטקלאַסיג פּאָפּולער פאַכבוך.

נאָכ'ן טעקסט זענען צוגעגעבען אייניגע זעהר וויכטיגע, אין פּראַקטישער הינזיכט, טאַבעלען און פערשידענע ערקלערונגען.

אין שווערען געראַנגעל פאַר אַרבייט פאַר אַ שטיקעל ברויט קאָן ד"ר רוטשטיינס האַנדבוך ברענגען הילף פאַר זעהר פיעל מענשען. די קאָסמעטישע און פערפומעריע אַרטיקלען זענען היינט צו טאָג נישט מעהר קיין לוקסוס, נאָר מאַסען פּראָדוקטען, וועלכע פערשפּרייטען זיך מיט יעדען טאָג וואָס אַמאָל מעהר און מעהר. דאס אויסאַרבייטען די דאָזיגע אַרטיקלען — אפילו נאָר אין דער פאָרם פון אַ הויז-פאַבריקאַציע — קאָן געבען נייע פּרנסה-מעגליכקייטען פאַר פיעל טויזענדער יודישע משפחות.

ס'איז דעריבער צו האָפען, אַז דאס האַנדבוך וועט האבען דעם פערדינטען ערפאָלג און ס'וועט אַריינדרינגען צווישען די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, געבענדיג איהר אַ שאַנס פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע און גלייכצייטיג פאַר גוטע פּרנסה-מעגליכקייטען.

אינזש. ל. ראָזענשיין.
(לעקטאָר פון כעמיע אין ווילנער יודישען טעכניקום).

אַנ'אמת'ער גן=עדן...

לעצטענס האב איך זיך בעגעגענט מיט מיינס אַנ'אַלטען גוטען פריינד, וועלכער פערברענגט די לעצטע יאָהרען אין איטאַליען. ער איז דאָרט קוראַטאָר פון אַ שפּיטאַל אין איינער פון די איטאַליענישע פּראָווינץ-שטעדט און איז אַ גאַנצער איטאַליענער.

היות אבער ווי מיין בעקאַנטער שטאַמט פון פּוילען, איז ער נאָך לאַנגע יאָהרען אַבוועזענהייט געקומען אויף אַ בעזוך צו זיין פאַמיליע.

האָבען מיר שפּאַצירט לאַנגע שעה'ן אין די אַלעען, פערברענגט אין צוקערניעס און אויך געמאַכט אַ בעזוך אין אַסטראָוו. אומעטום האט מיין איטאַליענער נישט געהאַט קיין ווערטער פון בעוואונדערונג פאַר דעם היעגען אָרט לעבען און מנהגים.

איהר לעבט דאָך ווי אין אַ גן-עדן— האט ער נישט אויפגעהערט מיט בעגייסטערונג צו מורמלען—הלואי אונז געזאָגט. אַ-וואַ—האָט ער נישט געהאַט קיין ווערטער אויף דעם, וואס ער זעהט זיך דאָ אָן.

— וואס פאַר אַ חידושים, וואס בעגייסטערסטו זיך אַזוי שטאַרק ביי אונז—האָב איך איהם געפרעגט—איך זעה גאָרנישט דעם ליכטיגען גן-עדן, אין וועלכען מיר זאָלען זיך געפונען און וועלכען דו בעזינגסט אַזוי.

— האַרץ—הויבט אָן מיין איטאַליענער מיר געבען צו פערשטעהן—קודם-כל איז דאָ ביי אייך אַלץ ביליג. אַט, למשל, קאָסט מיך אַ מיטאָג לערך 15 ליר, וואס דאס בעטרעפט איבער 7 זל. און דאָ בעקומט מען אַ גוט מיטאָג פאַר אַנ'ערך קנאַפּע 2 זל., אַקוראַט דאס, וואס מיר געבען ביערגעלד דעם קעלנער. דאס זעלבע איז מיט אַנדערע פּראָדוקטען; פאַר אַ שיבוש, פאַר עטליכע גראָשען, קאָן מען דאָך דאָ אדורכלעבען אַ טאָג, אין דער צייט, ווען ביי אונז אין איטאַליען מוז מען האבען אַ סך מטבעות, כדי צו קאָנען לעבען.

דאַן די פראַגע וועגען דירה-געלד. דאָ קאָן מען וואוינען און שולדיג בלייבען פאַר 2 יאָהר און ערשט, דאַמאָלס, ווען מען האָט שוין די עקסמיסיע, בעקומט מען ערשט צוגעצאָהלט פון ווירט אַ געוויסע סומע, אַז מען זאָל זיך דינגען אַנ'אַנדערע דירה. אַנו אדרבה, פּראָבירט אין איטאַליען שולדיג צו בלייבען פאַר איין חודש, פערשפּאַרט מען אייך איינצוקלאָגען, מען נעמט דאס ביסעל בעבעכעס און מען וואַרפט עס אייך אַרויס אָהן געריכט און אָהן עקסמיסיע-אורטייל.

איצט די פרויען-פראַגע: דאָ האבען דאָך די פרייליינס דאס אמת'ע גן-עדן. זיי שפּאַצירען פריי און פראַנק מיט יונגעלייט, אויף די גאַסען, אין צוקערניעס, אין טעאַטער, ווי קיינמאָל גאָרנישט. ביי אונז וועט זיך קיין פריילין נישט בעווייזען אויף דער ליכטיגער שיין מיט אַ פרעמדען יונגערמאַן, סיידען מיט אַ פאָטער, אַ ברודער אָדער מיט אַ חתן. די מיידלעך פון פּוילען שפּאַצירען היינט מיט דעם, מאָרגען מיט יענעם און גאָרנישט; ביי אונז אָבער וואָלט אַזאַ מיידעל זיך קאָמפּראָמיטירט אויפ'ן גאַנצען לעבען און וועגען אַ שידוך זאָל זי שוין פערגעסען. און בלויז שפּאַצירען? זיי קריכען דאָך דאָ אַרום ביז שפּעט אין דער נאַכט, אין דער צייט, ווען אין איטאַליען וועסטו נאָך 9 אַ זייגער אין אָוונט איבערהויפּט נישט בעגעגענען אַ פריילין אין גאַס.

אויך קאָן מיין איטאַליענער נישט פערשטעהן, פון וואַנען די יודען, וועלכע דרעהען זיך אַרום אין דער ערשטער אַלעע, פון וואַנען זיי האבען פּרנסה. דאס איז דאָך ווירקליך אַ צויבער-וועלט, מען דרעהט זיך אַרויף און אַראָב מיט אַ בלויז שטעקעלע און פונדעסטוועגען איז אינדערהיים אָנגעגרייט אַ מיטאָג, אַנ'אָוונד-ברויט און מען טהוט זיך נאָך אָן מעשה מענש. ווי אַזוי — קאָן ער נישט פערשטעהן — געשעהט דאס אַלץ. נישט אַנדערש, אַז איהר לעבט אין גן-עדן, וואו מען דאַרף נישט אַרבייטען, נאָר מען געניסט פון גרייטען. ביי אונז אין איטאַליען, אַז עמיצער וויל עסען, זיך אָנטהון, מוז ער שווער, אָ, זעהר שווער האָרעווען.

איך האב בעמערקט—דערצעהלט ווייטער מיין איטאַליענער—ווי יודען זיצען אויף די בענק אין דער ערשטער אַלעע און מאַכען זיך אַ טעאַטער, זיי רופען צו שאול ראָזענטאַל אָדער אַנדערע אַזעלכע „אַרטיסטען" און יענער גיט זיי קאָנצערט. דער עולם אַרום קייכט פאַר געלעכטער און מען ווילט זיך אויף וואס די וועלט שטעהט. אויב זיי האבען אַזעלכע גרינגע קעפּ איז דאָך אַ סימן, אַז עס איז זיי וואויל און גוט. טאָ פון וואַנען און פון וואס? ביי אונז אין איטאַליען קען מען נישט האבען קיין השגה, אַז מענשען, וועלכע האבען נישט קיין זיכערע פּרנסה, זאָלען קענען האַפּען אויסגעזאָרגטע קעפּ און זיך איינאָרדנען אויף יענעמ'ס חשבון פערוויילונגען.

אויך קאָן ער נישט פערשטעהן פון וואַנען עס נעמען זיך צו די פרויען, וועלכע זיצען אין אַסטראָוו אַזאַ אויפטהו, אַז אַנשטאַט צו געניסען פון דער פרישער לופט און אָנזאַמלען כחות אויפ'ן ווינטער, כדי צו קענען ערציהען די קינדער און פיהרען דאס בעל-הבית'שקייט, זענען זיי אַ גאַנצען טאָג פערנומען מיט די טואַלעטען, וועלכע זיי טוישען 25 מאָל אין טאָג; עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט פאָרגעקומען אַ וועט-גייעג צווישען די פרויען, ווער פון זיי עס בעזיצט מעהר פּיזשאַמעס און אַנדערע שמאַטעס. זיי מאַכען דעם איינדרוק פון קאַמעלעאָן, וועלכע טוישען זייערע קאָלירען. איטאַליענישע פרויען טראַכטען מעהר וועגען בעל-בתישקייט, וועגען אָבהיטען דעם מאַן, די קינדער און נישט אַזוי ווי אַ ליאַלקע, וועלכע מ'קליידט אָן אַלע מינוט אין אַנדערע קליידלעך, כדי עס זאָל געפעלען די קינדער, וועלכע שפּילען זיך מיט איהר.

דאַן, קאָן ער אויך נישט פערשטעהן, מיין איטאַליענער, וואס די יודען אין פּוילען בעקלאָגען זיך אויף שווערע צייטען. ווען מענשען וואָלטען באמת געהאַט דאגות וועגען פּרנסה, סקאַרב און אַנדערע גזירות, פון וואַנען וואָלטען זיי געהאַט אַזויפיעל געדולד זיך צווישען זיך אַרומצוקריגען. וואַ, וואַ — קאָן ער נישט פערשטעהן — דאס, וואס דאָ טהוט זיך אַב צווישען די פערשידענע פאַרטייען און ריכטונגען, סיידען אַז די מענשען האבען אויסגעזאָרגט, זיי איז וואויל ווי די וועלט און פאַר צופיעל וואוילטאָג שפּיעלען זיי זיך אין מחלוקות, איז דאס פאַר זיי אַ מין ספּאָרט, אַנדערש קאָן ער מיט זיין פּשוט'ן קאָפּ דאס נישט משיג זיין.

איך האב אויסגעהערט דאס מענה-לשון און האב נישט געוואוסט, וואס איהם צו ענטפערען. איך האב אפילו פּראָבירט צו פערטיידיגען, אַז אדרבה, דאס וואס ער האלט פאַר אַ גן-עדן, איז גאָר אַ גיהנום, ווארום ווען די יודען אין דער ערשטער אַלעע וואָלטען געווען בעשעפטיגט, ווען מ'וואָלט זיי צוגעלאָזט צו די מלוכה-אַמטען, אַזוי ווי אין איטאַליען, וואָלטען זיי נישט אין זינען געהאַט קיין נאַרישקייטען; ווען אונזערע פרויען וואָלטען געווען בעשעפטיגט, וואָלטען זיי נישט אין זינען געהאַט זייערע פּיזשאַמעס און פוצען זיך און ציהרען. דאס זעלבע איז מיט די פאַרטיי מחלוקות. ווען אונזערע יודען וואָלטען געהאַט צו טהון מיט זייערע פּרנסות און וואָלטען זיך געפיהלט פעסט און זיכער מיט זייערע געשעפטען, וואָלטען זיי נישט אין זינען געהאַט די נאַרישע אַרומרייסעניישען. און טאַקי דערפאַר, ווייל זיי איז ביטער און טרויעריג זייער לעבען, דעריבער ווילען זיי זיך פערזיסען זייער טרויעריגע לאַגע. עס איז פונקט אַזוי ווי אַ קינד, וועלכען עס טהוט וועה דאס בייכעל, גיט מען איהם אַ צאַצקע זיך צו פערשפּיעלען. די צאַצקעס, וועלכע מען גיט דערוואַקסענע זענען וואַהלען און אַנדערע נאַרישקייטען, כדי צו פערגעסען אין אַלע צרות...

אַזוי האב איך געגעבען מיין פריינד, דעם איטאַליענער, צו פערשטעהן. ער האלט זיך אָבער ביי ס'זייניגע, אַז מיר, דאָ אין פּוילען, זענען גליקליך, אַז מיר האבען דאס אמת'ע גן-עדן...

ווי געפעלט אייך אַזאַ מיינונג פון אַנ'איטאַליענער יוד וועגען אונזער גן-עדן?

סמאַל

אַכטונג! אויספּערקויף!!! אַכטונג!

צו זעהר ביליגע פּרייזען פּערקויפט אויס דער האָלץ-לאַגער פון פירמא

Przemysł Leśny „JULJANKA"

CZĘSTOCHOWA, KOPERNIKA № 17. TELEFON 17-64

אַלערליי העלצער ווייכע און האַרטע, ווי: יעשאָן, דאָמב, בוק, אָלשינע, יאַוואָר, ברזשעזשינע, סאָסנאָווע, טישלער און אַנדערע בעזיימטע העלצער, ווי אויך שפּריכעס דעמבאָווע און יעשאָנאָווע.

פּוילישע-א"יישע ווירטשאַפטליכע בעציהונגען.

די באַנק פּ. ק. אָ. אין תל-אביב טראָגט ביי אין א פּעדייטענדער מאָס צו דער ענטוויקלונג פון די געגענזייטיגע ווירטשאַפטליכע בעציהונגען צווישען פּוילען און א"י. די האַנדעלס-אינדוסטריעלע ספערען איבערצייגען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר, אַז די פּ. ק. אָ.-באַנק ערלעדיגט אויף דעם סאָלידסטען, שנעלסטען און ביליגסטען אופן אַלערליי געלד-איבערווייזונגען אין אַלע וואַלוטעס פון א"י קיין פּוילען און פּערקעהרט.

גרויסע הערצל-אַקאַדעמיע פון די ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען.

פאָריגען דינסטאָג כ' תמוז איז פאָרגעקומען אויפ'ן איראַן-פּלאַץ אַ גרויסע הערצל-אַקאַדעמיע, איינגעאָרדענט דורך דעם היגען רעוויזיאָניסטישען פּערבאַנד. אויפ'ן פּלאַץ איז ספּעציעל צו דעם צוועק אויפגעשטעלט געוואָרען אַ סימבאָלישער הערצל-קבר בעפּוצט מיט לעבעדיגע בלומען. אַלץ איז איינגעהילט אין טרויער-קרעפּע און די אַקאַדעמיע קומט פאָר ביים ליכט פון פּאַקעלען.

פאַר דער ערעפנונג פון דער אַקאַדעמיע קומט פאָר אויפ'ן פּלאַץ אַ ראַפּאָרט פון בית"רים, וועלכען עס גיט-אָב דער מדריך אבא פּעלץ. און דאַן קומט פאַר ביי אַנ'אַלגעמיינעם שטיל-שווייגען דאָס פייערליכע ארויפציהען דעם בלוי-ווייסען פאָהן אויפ'ן מאַשט.

די אַקאַדעמיע עפענט אין נאָמען פון ברית-הצה"ר פּרעזעס ניעמיראָווסקי. ח' טשארני מאַכט אַנ'אזכרה און דאַן האַלט פּראָפ. ב. וויינבערג אַ זעהר שעהנעם רעפעראַט וועגען לעבען און שאַפען פון ד"ר טעאָדאָר הערצל. מיט א זעהר אינטערעסאַנטער רעדע איז ארויסגעטרעטען דער מפקיד פון בית"ר משה זעלצער, וועלכער ווייזט אָן אויף דער וויכטיגקייט פון פּאָליטישען ציוניזם, וואָס הערצל האָט געשאַפען און אויף דעם פּערקריפּלען די הערצליאַנישע יודענשטאַטס-אידעע דורך די איצטיגע מושלים פון ציוניזם. עס נעמט דאַן ס'וואָרט ה' צבי קאַנטאָר, וועלכער רעדט וועגען דעם בירגער-קריעג, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט אין ציוניזם.

דער לעצטער רעדט נאָך פּרעז. ש. ניעמיראָווסקי, וועלכער האַלט אַ קורצען גייסטרייכען רעפעראַט, אָנווייזענדיג, אז רעוויזיאָניזם דאָס איז הערצליאַניזם.

מיט'ן געזאַנג פון התקוה און „בשוב ד'" ווערט די אַקאַדעמיע פּערענדיגט.

ע. י.

דיקע מענשען קענען ערצילען אָהן אַנשטרענגונג אַנ'אויסגיביגען שטוהל-גאַנג דורך אַ געוויסענהאַפטען געברויך פון נאַטירליכען ביטערוואַסער

FRANCISZKA JÓZEFA

פון ברית הצה"ר.

דערמיט איז מען מודיע אַלע מיט-גלידער און סימפּאַטיקער, אַז דער לאָקאַל געפינט זיך אויף אַלעע וואָלנאָש-טשי 35. דער סעקרעטאַריאַט איז אָפען יעדען טאָג פון 8–10 אָוונד.

דער לאָקאַל, אין וועלכען ס'געפינט זיך א גרויסער לעזע-זאַל איז אָפען יעדען טאָג פון 7 אָוונד.

אויפ'ן אָרט געפינט זיך אויך א בופעט צו ביליגע פּרייזען. איינגאַנג נאָר פאַר מיטגלידער און אריינגעפיהרטע געסט.

דעם נאָהנטסטען חודש וועלען איינגעאָרדענט ווערען קורסען פון העברעאיש און ענגליש. איינשרייבונגען ווערען שוין אַנגענומען.

„ATLANTIC"

אַגרעאָדאָווא 14.

גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

דזשאָנעט געינאָר און טשאַרלס פּאַרעל אין פילם

דער רייץ פון איהרע אויגען

2) גרויסער דעטעקטיווען-פילם פון כינעזישען קוואַרטאַל אין ניו-יאָרק

דער רויטער שפּור

מיט וואַרנער אָלאַנד.

פייערליכע הערצל-הזכרה אין דער שטאָדט-שוהל.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער 30-טער יאָהרצייט נאָכ'ן טויט פון ד"ר טעאָדאָר הערצל איז פאָרגעקומען אין דער אַלטער שוהל א הזכרה, איינגעאָרדענט דורך דער היגער יודענשטאַטס-פּאַרטיי.

ביי אַ גרויסער צאָהל אַנוועזענדע הויבט זיך אָן די הזכרה דורך דעם אַבריכטען די געהעריגע תפילות דורך דעם חזן ה' באַדאַש און נאָך דעם מאַכען אַנ'אל מלא רחמים, טרעט ארויס מיט אַ גייסטרייכען רעפעראַט וועגען דער בעדייטונג פון ד"ר הערצל פאַר דעם יודישען פאָלק, דער פּרעזעס פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי ה' איצקאָוויטש. ער כאַראַקטעריזירט אין א שעהנער פאָרם די איידעלע געשטאַלט פון ד"ר הערצל, זיין גרויס שטאַטס-מענשקייט, בעזונדערס זיינע גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס-פעהיגקייטען אויף דעם אינערליכען יודישען געביעט, ווי פון א סטאַדע מוטלאָזע מענשען האָט ער געשאַפען אַ גרויסע און פּעראייניגטע ציוניסטישע בעוועגונג, שטאָלצע יודען מיט פיעל גלויבען אין דער יודישער צוקונפט.

נאָך דעם אינטערעסאַנטען רעפעראַט ווערט דורך דעם גאַנצען עולם געזונגען די התקוה.

זעהר אימפּאָזאַנט איז אויסגעפאַלען דער דורכמאַרש פון די יוגענד-אָרגאַניזאַציעס „ברית-הקנאים" און „עקיבא" מיט זייערע פאָהנער אין דער שוהל אריין

מאָנטאָג 9 אָוונד איז אין לאָקאַל פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי פאָרגעקומען אַ חברים-פּערזאַמלונג געווידמעט דעם אַנדענקען פון דר. הערצל. מיט רעפעראַטען מעגינא דיומא זענען אַרויסגעטרעטען די חברים איצקאָוויטש, בראַטמאַן א. אנד.

רינג-קייט לטובת „קרן המושבה".

ש. פרידמאַן ענטפערט י. אַלטמאַן מיט 2 זל. אין רופט ארויס: פעלאַ זעלקאָוויטש, סאַלאַ גרוימאַן, איטא פוקס, אליעזר לעוויט.

ר. בויהם ענטפערט ה' יאַרקאָוויזנא מיט 2 זל. און רופט ארויס: פרל. ל. גרין, י. האַבערפעלד, פראַניא גוטערמאַן, רעניא גרושקא.

אפרים לעוויט ענטפערט ה' יאַרקאָוויזנא מיט 2 זל. און רופט ארויס: סט. ראַטשטיין, הלל זילבערבערג, מאָטעק זילבערבערג.

ז. אימיך ענטפערט ה' יאַרקאָוויזנא מיט 2 זל. און רופט ארויס: פרל. ג. נירנבערג, י. אימיך, ק. ווינער.

י. וואַרמונד ענטפערט ה' אַלטמאַן מיט 2 זל. און רופט ארויס: אסתר אבראַמאָוויטש, לידאַ קאָזאַק, טאַבאַ גאָלדמינץ, משה טענענבוים.

Kino „EDEN"

היינט און ווייטער

NAGANA

קאָלאָסאַלער פילם פון אַ יאַגד אין די ווילדענישען פון „נאַגאַרו" אין אפריקע. עגזאָטיק. קאַמפען פון ווילדע חיות, לייבען, טיגערס, קראָקאָדילען.

אין דער הויפּט-ראָלע די שעהנע פּוילישע אַקטריסע

טאָלאַ בירעלל, מעלווין דאָגלאַס, סטיוועָנס א. א.

אויסער'ן פּראָגראַם:

די לויה פון מיניסטער פּיעראַצקי

די רעדע פון פּרעמיער-מיניסטער פאַר דער טרומנע אין וואַגאָן.

שבת און זונטאָג מיטאָג-פאָרשטעלונגען

אַ סקאַנדאַל אין בודאַפּעשט.

וואָרנונג.

מיר וואָרענען דעם פּראָפעסיאָנעלען פעראיין פון בעקער-אַרבייטער, אַז אויב זיי וועלען נישט אָבשטעלען דאָס ארויסגעבען זייערע פּאַשקווילען מיט אונערהערטע רכילות געגען די מיטגלידער פון בעקער-צעך וועלען מיר זיין געצווינגען ארויסצוטרעטען אויפ'ן געריכטליכען וועג.

די פערוואַלטונג פון בעקער-צעך.

Kino „LUNA"

פּרעכטיגער פילם

די ליעבעס פון א באַלעט-טענצערין

אין פילם בעטייליגט זיך א באַלעט פון 200 שענסטע טענצערינס פון דער וועלט.

אין די הויפּט-ראָלען:

וואַרנער באַקסטער און עליסאַ לאַנדי

איבער'ן פּראָגראַם:

פּאַראַמאָונט-וואָך און פּאַט-פּראָניק

עס ווערט געזוכט אַנ'עקספּעדיענט (קע) מיט פּראַקטיק

אין מאַנופאַקטור-געשעפט פון

ל. לענדערמאַן, אַלעע 7.

די פערוואַלטונג פון

טאַפּעצירער, בערשטען און שטריקמאַכער-צעך

מאַכט בעקאַנט, אַז די

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

פון די מיטגלידער

קומט פאָר דינסטאָג, ד. 17 ד. ח. 8 אָוונד אין ערשטען טערמין, 9 אָוונד אין צווייטען טערמין אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פערבאַנד, אַלעע 12 №

אַלע חברים ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פּונקטליך.

Szkoła Rzemieśln.-Przemysłowa

dla Żydów w Częstochowie

podaje do wiadomości, iż zapisy dla nowo-wstępujących uczniów rozpoczęły się z dniem 15-go maja b. r.

SZKOŁA KOEDUKACYJNA i PRZEDSZKOLE

z prawami szkół państwowych

ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY

w Częstochowie, Aleja 20, telef. 10-78

przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich klas i do przedszkola (dzieci od lat 3-ch). Egzaminy systemem lekcyjnym.

Kancelarja czynna codziennie od 4—7 p. p.

UWAGA: Lokal szkolny został znacznie rozszerzony.

Przedszkole przeniesione do oddzielnego lokalu.

Podaje się do wiadomości, iż przy

Szkole Rzemiosł, Garncarska 8,

organizuje się

drugi dwutygodniowy kurs

przygotowawczy dla czeladników,

celem umożliwienia złożenia egzaminu czeladniczego.

Zgłoszenia przyjmuje Kancelarja Szkoły.

Zajęcia rozpoczynają się w najbliższych dniach.

PROSZKI

«KOWALSKINA»

STOSUJE SIĘ PRZY UPORCZYWYCH

BÓLACH GŁOWY

KONIECZNIE ZE ZNAKIEM „SERCE W PIERŚCIENIU"

A. K.

FABRYKA CHEM.-FARMAC. AR. KOWALSKI, WARSZAWA

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.

Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

געזעגנונגס-פייערונג פון די אַביטורענטען פון די יודישע געז. גימנאַזיעס.

פערגאַנגענעם שבת, דעם 30 יוני אָוונד איז אין לאָקאַל פון די יוד. גימנאַזיעס פאָרגעקומען די געזעגנונגס-פייערונג פון די הייַ-יעהריגע אביטוריענטען.

די פייערונג, צו וועלכער ס'זענען געקומען די מאַטוריסטען, זייערע עלטערן, די לעהרער און איינגעלאַדענע געסט, האָט געעפענט דער דירעקטאָר ד"ר ליליען מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער אַפּעלירט צו די אביטוריענטען צו געהן אין די וועגען, וועלכע די שולע האָט זיי אַנגעוויזען און נישט צו איבעררייסען די פעדים, וועלכע בינדען זיי מיט'ן גימנאַזיום.

עס רעדען דאַן די „וויכאָוואַוועס" פון ביידע 8-טע קלאַסען: פרוי פּראָפ. שומאַכער און פּראָפ. גרינבערג, וועלכע געזעגנען זיך מיט זייערע שילערינס און שילער, אָנווייזענדיג זיי אויף זייערע פליכטען אלס מענשען און יודען.

אין נאָמען פון דער פערוואַלטונג פון גימנאַזיום רעדט דאַן צו די שילער פּרעזעס פּ. שפּיראָ, און דר. ליפּינסקי דאַנקט, אין נאָמען פון אַלע עלטערן, די פּראָפעסאָרען און דער שולע פאַר דער מיה ביים ערציהען די קינדער.

עס האַלטען דערנאָך שעהנע דאַנקרעדעס: אין נאָמען פון די שילערינס — פרל. ר. האָראָוויטש אין העברעאיש און אין נאָמען פון די שילער — ה' מ. וויינבערג אין פּויליש.

צום סוף איז פאָרגעקומען אַ „הער-באַטקע", בעת וועלכער פרל. מ. בוגאַיער און ה' י. ליפּינסקי האָבען אויף פּיאַנאָ און פידעל אויסגעפיהרט איניגע נומערן און ה' מ. וויינבערג האָט דעקלאַמירט.

אין א געמיטליכער שטימונג האָט זיך די שעהנע פייערונג געענדיגט אַרום 2 א זייגער ביינאַכט.

געלעגט אַ גרונדשטיין פונ'ם נייעם בית-המדרש

פערגאַנגענעם דאָנערשטאָג, 4 א זייגער נאָכמיטאָג, איז אין דער אָנוועזענהייט פון רב שליט"א, דיינים, מיטגלידער פון קהלה-פערוואַלטונג און ראָט, בוי-קאָמיטעט פאַר'ן נייעם בית-המדרש און א גרעסערער עולם בעלי-הבתים, פאָרגעקומען דאָס לעגען דעם ערשטען שטיין פון נייעם בית-המדרש.

דאָס גרונדשטיין-לעגען האָט אַ גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג פאַר'ן יודישען טשענסטאָכאָוו.

זייט הונדערט יאָהר איז דאָס דער ערשטער קהלה'שער בנין לתורה ולתפלה, וועלכער ווערט געבויט דורך דער גאַנצער יודישער טשענסטאָכאָווער בעפעלקערונג.

די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבען מיט פאָרלייענען די מגילת-זכרון פון בית-המדרש דורך ר' משה האַלטער. די מגילת-זכרון, וועלכע איז געשריבען געוואָרען אויף פּאַרמעט, ענטהאַלט אין אַלגעמיינע שטריכען די געשיכטע פון פּוילען'ס בעפרייאונג, די נעמען פון איהרע איצטיגע פיהרער, די אויפלעבונג פון ארץ-ישראל, ווי אויך די נעמען פון'ם ראַבינאַט, ראשי-הקהלה און בוי-קאָמיטעט-מיטגלידער.

נאָכ'ן פאָרלייענען די מגילה האָלט דער חשוב'ער רב שליט"א א געלונגענע אינהאַלטסרייכע דרשה מעגינא דיומא, וואָס האָט געהאַלטען די צוהערער די גאַנצע צייט אין שפּאַנונג.

דערנאָך האָט דער חזן באַדאַש געזונגען „אבן מאסו הבונים" און נאָך עטליכע ענטשפּרעכענדע תפילות.

דעם ערשטען שטיין האָט געלעגט דער רב שליט"א. שפּעטער דיינים, דאָזאָרעס, בוי-קאָמיטעט-מיטגלידער און אַלע אָנוועזענדע.

צום סוף האָט מען געטרינקען לחיים, דער עולם האָט זיך געוואונשען מזל-טוב און איז פונאַנדערגעגאַנגען אין א געהויבענער שטימונג.